STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02232

HERT A MAYSE

Sem Liptsin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הערט א מעשה...

פֿון
סעם ליפּצין
(קוועקזילבער)

ניו יאָרק, 1945
פֿאַרלאַג: „אַמכאָ"

פּרייז:
איין דאָלער

הערט א מעשה...

סעם ליפצין
(קוועקזילבער)

אינהאלט:

אן אטאם — א גארנישט (א פענשטיפעריי) — — — — — — 3
טרערעלעך זיינען פערעלעך (א מאנאלאג) — — — — — — 6
האפטשי (א מאנאלאג פון א היי־פיבערניק) — — — — — 9
הערט א מעשה (א מאנאלאג) — — — — — — — — — 11
איר האט אפשר א צימער? (א מאנאלאג) — — — — — — 15
א מאן — ווי איז מיר (א מאנאלאג) — — — — — — — 18
יאנקל בייט זיך ניט (א מעשה׳לע) — — — — — — — 21
א לעבן אזא (א מאנאלאג) — — — — — — — — — — 24
א פייערדיגע אויפנאמע (א פענשטיפעריי) — — — — — 37
„קונץ און וויצנשאפט" (א מאנאלאג) — — — — — — — 31
א סטייק — א פאדעשווע (א מאנאלאג) — — — — — — 34
וואו נעמט מען מאניערן? (א פענשטיפעריי) — — — — 37
א ניי־יאר מתנה (א פענשטיפעריי) — — — — — — — 40
א ברענענדיגע פראגע (א פענשטיפעריי) — — — — — — 43
היטלער־טאשן (א פענשטיפעריי) — — — — — — — — 46
גראסערי ביזנעס (א מאנאלאג) — — — — — — — — 49
יובילייי־מתנות (א פענשטיפעריי) — — — — — — — 51
אייניגקייט (איינאקטער) — — — — — — — — — 53
אויף וואקאציע (איינאקטער) — — — — — — — — 60
איך וויל עסן (איינאקטער) — — — — — — — — — 66
זאג־לאך — — — — — — — — — — — — — — 70

פארלאג „אמכא"

ניו־יארק, 1945

ביכער און ביכלעך פון סעם ליפּצין (קוועקזילבער):

- אין לאַך פון דער וועלט
- אַ גוט־יאָנטעוו
- לאָמיר זינגען
- געקעמפט און געלאַכט
- לעבעדיג און לוסטיג
- פאַר רויטע אָוונטן
- רויטע פעפערלעך
- מיט געזאַנג אין קאַמף
- אויף לייטיש געלעכטער
- ניטגעדאַיגעט
- קאַמפלוסטיג
- אַ פריילעכס
- גוט־מאָרגן
- קריג און זיג.
- צע־לאַכ־עס די טרערן
- קוועקזילבער׳ס פענשטיפערייען

הערט אַ מעשה

HERT A MAISE

(LISTEN TO THIS!)

By SAM LIPTZIN

Copyright, 1945

NEW YORK, N. Y.

209

Printed in U.S.A.

SAM LIPTZIN, 35 East 12th Street, New York 3, N. Y.

אַן אַטאָם — אַ גאָרנישט

(פעך־שטיפעריי)

אמאָליגע יאָרן איז מען געווען בריות (בעריעס) צו מאַכן פון אַ וואָרט אַ קוואָרט, פון אַ פיש — אַ הערינג, פון בולבעס — לאַטקעס, פון מצה־מעל — קניידלעך. ווען איר וואָלט אָבער געווען זאָגן אייער זיידן אָדער מיין באָבען, אַז מ׳קאָן מאַכן פון אַ גאָרנישט — אַן עפּעס, וואָלטן זיי אייך אָנגעקוקט ווי משוגע. ווארום אפילו אין חלום וואָלט קיינעם ניט איינגעפאַלן צו זען און הערן אַן אַטאָמישע באָמבע... אַ גאָרנישט זאָל אַזוי קומען צום וואָרט...

הערט אַן איינפאַל, אַז מ׳צעשפאַלט דעם גאָרנישט, דעם אַטאָם, קאָן דער גאָרנישט — מאַכן אַלץ צו גאָרנישט...

אמאָל, ווען איינער איז געווען אומרואיג, פלעגט מען זאָגן: דער מענטש זיצט אויף הייסע קוילן. איצט וועט זיין ריכטיג, ווען איך וועל אייך זאָגן, אַז איך זיץ אויף געשפאָלטענע אַטאָמען... ווארום עס ברענט די פראַגע וואָס וועט טאַקע זיין ווען די אַטאָמען־באָמבעלע פאַלט אריין צו אַ נייעם הירא־היטלער?

וואָס איז אַן אַטאָם, פרעגט איר? אַן אַטאָם — איז אַן אַטאָם. ס׳איז כּלו גאָרנישט, טאַקע גאָרנישט מיט נישט. ווארום שטעלט אייך פאָר, אַז ווען איר קוקט שוין אויף דעם מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז און איר דערזעט דאָס שוין ווי עס איז, דערזעט איר ערשט, אַז דאָס „גאָרנישט" איז אַ גאָרנישט, ס׳איז ניט צום קייען און ניט צום שפּייען...

איצט שטעלט אייך פאָר, וואָס מענטשן קאָן אַלץ איינפאַלן: נעמען די קלענסטע קליינינקייט און מאַכן דערפון דעם גרעסטן וואונדער. ס׳איז קיין נייעס ניט צו הערן, אַז מענטשן האָבן געמאַכט געלט פון גאָרנישט און אַז אַ ליאַדע גאָרנישט קאָן ווערן אַ „פירער", און איינער, וואָס האָט גאָרנישט וואָס צו זאָגן זאָל ווערן אַ זאָגער. אָבער נעמען פון גאָרנישט און מאַכן אַ באָמבע און די באָמבע זאָל „זאָגן" אַזוי אַזוי שטאַרק און אַזוי הויך? נאָכמער, זי קאָן ניט נאָר רייסן, נאָר אויך וואַרעמען, און מ׳קאָן דאָס פילן פאַר מיילן... זאָגט־זשע אַליין, איז דאָס ניט קיין וואונדער?

און דער וואונדער ווערט נאָך גרעסער, ווען מ׳זאָגט אייך, וואָס פון דעם „גאָרנישט ווערט ערשט ארויסוואַקסן.

אַט זאָגט מען, אַז די אַטאָמישע באָמבע האָט ניט נאָר פאַרברענט שטעט ווי חנוכה־ליכטלעך, נאָר טייכן און ים׳ען האָבן זיך אָנגעוואַרעמט און געשלאָגן מיט פּאַרע ווי אַ רוסישע באָד. איצט טראַכטן שוין געוויס די לענדלאָרדס: צו וואָס זיך אָנגרייטן מיט קוילן, מיט אויל, ווען מ׳קאָן וואַרימען צימערן מיט גאָרנישט — מיט אַטאָמען?... און ווינטער, אין די גרויסע פרעסט, ווען איר וועט אַרויפקלאַפּן צום לענדלאָרד נאָך אַביסל סטים, וועט ער אייך ענטפערן: אַט באַלד גייט אַרונטער דער דזשעניטאָר אין קעלער און וועט אָנשפּאַלטן אַביסל אַטאָמען, אַזש איר וועט זיך האָבן צו בלאָזן...

און אַז אַ פרוי וועט זיך פאַרשפּילן ביי אַ מאַטינע קאָרטן־פּאַרטי און דאָס פליש פאַר וועטשערע וועט זיין האַרט ווי אַ שטיין, וועט זי אַריינוואַרפן אַן אַטאָמיש באָמבעלע אין טעפּל, ווי, לאָמיר זאָגן, מ׳וואַרפט אַריין אַ שטיקל וויער־זאַלץ, און — דאָס פליש וועט שוין ווערן צעשאָסן אין ברעקלעך... אַ דענטיסט וועט האָבן אַ שווערן דזשאַב אַרויסצונעמען אַ צאָן פון מויל מיט גאַז אָדער מאָרפין, וועט ער אַריינלייגן אין פּיסקל אַן אַטאָמיש באָמבעלע און ס׳וועט שוין גיין אַ גאַנג... אויף אַ מענטשן מיט אַ קליין קעפּל, ס׳הייסט אַ פּוסטער מענטש, אַ גאָרנישט, וועט מען זאָגן, אַז ער האָט אַן אַטאָמיש קעפּל; ווען מען צעשפּאַלט עס, איז דאָ אַ האָפענונג, אַז עס זאָל עפּעס אַרויסקומען אַ וואונדער...

ווען אַן אַלטן מאַן וועט זיין קאַלט אין די פיס, וועט מען אים אויפרייסן אַ פּאָר אַטאָמישע באָמבעלעך און אים דערוואַרימען... אַז איר וועט קריגן אין אַ רעסטאָראַן אַ קאַלטע קאַפע, וועט איר דאָס דערוואַרעמען מיט עטלעכע אַטאָמען... אויף אַ דערפאָלגרייכער פּיעסע אין טעאַטער וועט מען זאָגן, אַז דער מענעדזשער האָט געפּאַקט אַן אַטאָמישע באָמבע. אויף אַן אַקטריסע, וואָס ברענט אַ וועלט, וועט מען זאָגן: זי רייסט אויף דעם טעאַטער ווי אַטאָמען וואָלטן זיך אין איר געשפּאָלטן... נו, און אַ האַרטע מכה וועט מען דאָך אוודאי קאָנען אויפרייסן מיט אַן אַטאָמיש באָמבעלע...

אין אַ רעסטאָראַן, אַז מ׳וועט אייך געבן פיש־קניידלעך, קליין, האַרט, און זיי וועלן אייך רייסן אין האַלדז מיט זייער פעפערדיגקייט, האָט איר פאַר זיי אַ נאָמען — אַטאָמישע באָמבעלעך. און אַז אַ פרוי וועט באַהאַלטן אין איר זאָק אַ קניפּל, מיינט דאָס אַן אַטאָמישע באָמבע געגן איר מאַן... און אַז אַ מאַן וועט אַריינפאַלן שפּעט אין הויז פון ערגעץ און נעמען אַרויסשיסן זיינע טענות צו דער פרוי, איידער זי באַפאַלט אים פאַר קומען אין מיטן דער נאַכט אַהיים, וועט זי מיט רעכט קאָנען זאָגן, אַז פּלאַצן זאָל דאָס באָמבעלע ערגעץ אַנדערש...

און אַז איר וועט בעטן ביים באָס אַ העכערונג אויף אייערע שכירות, ווייל איר זיינט דערצו בארעכטיגט, און ער וועט שטיין הארט ווי אַ גזלן, מיט אַ האַרץ פון שטיין, וועט איר מעגן טראַכטן, אַז אַן אַטאָמיש באָמבעלע זאָל עס ווייכער מאַכן . . .

און אַז אַ בחור וועט באַזוכן זיין געליבטע און וועט קריגן פון איר אַ קאַלטע אויפנאַמע, וועט איר געווים ניט פאַרפעלן צו זאָגן: זע גאָר זע, איך קום צו דיר מיט אַ האַרץ, וואָס איז פול מיט אַטאָמען און דו — דו ווייזט מיר אַ האַרץ, וואָס איז קאַלט ווי אין אַ פרידזשעדיר . . .

מיט איין וואָרט, דער אַטאָם, וואָס איז קלענער פון קליין, וועט איצט געבן אַ געלעגנהייט יעדן גאָרנישט זיך צו גרויסן און זאָגן: זעט, ניט שטענדיק איז אַ גאָרנישט—גאָרנישט. מען קאָן שפאַלטן נים, שפאַלטן קעפּ, שפּאַלטן מיטינגען, און אפילו שפּאַלטן האָר — אָבער הויבט זיך בעסער ניט אָן מיט שפּאַלטן גאָרנישטן, ווארום איר וועט האָבן — זאָל צו דעם בעסער ניט קומען — אַן אַטאָמישע באָמבע.

טרערלעך זיינען פערלעך

(אַ מאָנאָלאָג פון אַן אַלטער אידענע)

קינדערלעך מיינע, האָט באַשע־העניע געהאַט אַ לויה, אויף אַלע מיינע ליבע געזאָגט געוואָרן. ווען דער חזן האָט געמאַכט דעם אל־מלא־רחמים, איז זיך דאָס צעגאַנגען אין אַלע אברים. עס איז געווען האָניג מיט מילך. טאָג ווי נאַכט וואָלט איך געקאָנט הערן אַזעלכע אל־מלא׳ס...

ווי דען, אונז וועט מען מאַכן אַזאַ אל־מלא? מסתמא וועט אַ חזן עפּעס אַ קריי טאָן אויף אונז איבער הונדערט און צוואַנציג יאָר...

גיי טו, מאַך, ניט אַ ליאַדע קבצן קאָן זיך דאָס פאַרגינען אַזאַ לויה. מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז אָן אָרעמע כלה־מיידל מעג זיך ווינטשן צו האָבן אַזאַ חופּה־קלייד ווי באַשע־העניעס תכריכים...

כ׳האָב זיך ביי דיר געבעטן: „שמואל־עליע, קום אַרונטער, ס׳איז היינט דאָ אַ גרויסע לויה", — איז, איך רעד — און די טיר סקיפּעט, איז ביי דיר די זעלביגע זאַך.

אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי איך פיל זיך איצט בעסער. זיך אַביסעלע אויס־געוויינט, איז מיר גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן...

לאַכסט פון מיר, האַ? וואָס הייסט, איך האָב, חלילה, איר געוואונטשן דעם טויט, איך האָב איר געהייסן שטאַרבן, אַז זי זאָל מיר גרינגער מאַכן? נאָר אויב שוין יאָ געשטאָרבן, זאָל זי כאָטש הערן אַ מענטשלעך געוויין, דערפילן אַ טרער. וואָס איז, איך דאַרף עפּעס די זעקלעך מיט די טרערן אַריינצולייגן אין דער באַנק אַריין? קיין געלט האָב איך ניט, אָבער טרערן— פולע אויגן. איז דאָס מיין צדקה. איך פאַרדין אַ מצוה, און עס טוט מיר הנאה...

ווער דען, מיינסטו, וואָלט געוויינט נאָך איר? אַז סך־הכל איז דאָס געווען אַ מכשפה, וואָס די ערד מעג זי צונעמען און אַרויסוואַרפן נאָך פאַר שלושים. מיט געלט איז זי געווען אָנגעשטאָפּט, ווי אַן אוגערקע מיט יאָדרעס, און קאַרג איז דאָס געווען, זאָגט מען, אַז זי האָט זיך ניט פאַרגונען אַ קרעכץ. איר דינסט, דערציילט מען, האָט שטענדיג געמוזט קרעכצן פאַר איר...

מיינסטו, אַז דער מאַן מיט די קינדער וועלן זי באַוויינען? ווי איך קאָן זיך פאָרשטעלן, וועלן זיי זיך איין אויג אויסגיסן און דאָס צווייטע אויסווישן. נו, לאַכסטו פון מיר, וואָס איך וויין?

איז וואָס זאָלן מיר, בידנע פרויען, טאָן? אַזוי איז שוין אונזער דאָליע וואָס מיר וויינען ניט אויס, האָבן מיר ניט...

ווי דו זעסט מיך לעבן, האָט אונזער לייקעלע זיך אויסגעוויינט אַ פאַר־קאָוט, זאָל זי דאָס נאָר טראָגן געזונטערהייט. דער איידים אונזערער איז טאַקע גוט, נאָר מיט גוטן קאָן מען ביי אים קריגן „טאַנסיליטיס". האָט זי, אַ לעבן אויף איר, — זי איז דאָך געראָטן אין דער מאַמען, — וואָס, וואָס, קיין טרערן פעלן איר ניט... האָט זי אַזוי אַ דריי טעג זיך געריסן די האָר, געהאַקט זיך קאָפּ אָן וואַנט און — וואָס זאָל איך דיר זאָגן? טרערעלעך זיינען פערעלעך — זי האָט אַ פאַר־קאָוט, אויף אַלע אונזערע ליבע געזאָגט געוואָרן...

און וואָס, מיינסטו, טוט דאָס אייניקל? אַבי דו פאַרשטייסט. געראָטן אין דער מאַמען מיט דער באָבען... עס הויבט אָן דרינגען מיט די פיסלעך, איז הימל עפן זיך! און עס עפנט זיך טאַקע. וויל ער אַ לאָלי־פּאָפּ, וויינט ער אויס אַ לאָלי־פּאָפּ; וויל ער די באָבע זאָל קרייען, נאָכמאַכן אַ הונט, אַ קאַץ, — וויינט ער דאָס אויס, און איך מוז דאָס טאָן. טאָמער חלילה ניט, פאַרגייט ער זיך אין אַ קייך־הוסט, פונקט ווי דו, ווען דו צעהוסט זיך...

נו, יאָ, דאָס דערמאָנט מיך, אַז איך דאַרף שוין ווידער גיין צום דאָקטאָר. און צו דיר רעדן און וויינען העלפט ווי אַ טויטן לעמאָן־דראָפּס.

צו וועמען, רעכנסטו, זאָל איך פאָרט גיין? ווידער צום זשוליק, צום דאָקטאָר אַפּעל? ווי נאָר איך קום צו אים אריין, זאָגט ער מיר גלייך: „באָבעניו, טוט זיך אויס!" איך האָב אים אַנומעלטן געזאָגט שוין: „טוט זיך אַליין אויס..."

ווידער גיין צום דאָקטאָר ראָזען, זאָג איך דיר, שמואל־עליע, אַז ס'איז אַרויסגעוואָרפן געלט. ער מאַכט נאָר חוזק פון מיר. איך וויין און בעט זיך ביי אים: „דאָקטאָר לעבן, אונטערזוכט מיך", — לאַכט ער זיך אויס: „באָבעניו, איך קאָן אייך שוין אויף אויסנווייניג."

„נו, מאַך איך, — יונגאַטש איינער, זאָג־זשע מיר טאַקע, וואָס איז דער מער מיט מיר?"

צעלאַכט ער זיך ווידער: „באָבעניו, אייך איז אַכט־און־זיבעציג־יאָרע־לעך..." ס'הייסט, פּראָסט־פּשוט, ער שמעכט מיך מיט מיינע יאָרן.

נו, וואָס זאָגסטו ניט אויף דעם? מיינע שונאים זאָלן אַזוי לעבן ווי מיר איז שוין אַכט־און־זיבעציג. בסך־הכל ווערט מיר ערשט אַכט־און־זיבעציג יאָר שושן־פּורים, און ביז דאַן — איז נאָך דאָ אַ שיינע פּאָר וואָכן...

איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסן, ווער האָט דאָס אים דערציילט, אַז איך

עס ברויט. אַלץ דאַרף ער וויסן. דאָס מוז שוין זיין דיינס אַ שטיקל אַרבעט. וואָרום ווי וואָלט ער געוואוסט? בסך־הכל עס איך נישט מער ווי ברעקלעך. איך נעם אַ פּענעצל ברויט, צעברעקל עס, פּאַרווייק דאָס אין דער זופּ. וואָלט ער געקאָנט וויסן, ווען מ׳דערציילט דאָס אים ניט?

„באַבעניו,״ — זאָגט ער מיר, — „איך האָב אייך אָנגעזאָגט ניט צו עסן קיין ברויט, ווייל ברויט גיט צוקער.״

טאַ וואָס־זשע ווילסטו, זאָג איך, ווילסטו אָנגיסן דעם בויך מיט טיי? פּאַראַיאָרן אָבער, אויב דו געדענקסט, האָט ער מיך אַזוי צעדרייט, אַז איך האָב געמיינט, איך וועל משוגע ווערן.

וואָס זאָגסטו, שמואל־עליע, אפשר ווידער גיין צום דאָקטאָר הערים?

פאַר מיין סיאַטיקע, זאָגט ער, איז גוט פלאָרידע; פאַר מיין אַסטמע — לעיקוואוד; פאַר מיין הארץ — ספּרינג־וואַלי, און פאַר מיינע פיס — האַט־ספּרינגס. אַ פאַרם, האָט ער איינגע׳טענה׳ט, איז גוט פאַר מיינע נערוון, און די בערג — פאַר מיין סיינוס־טראָבל. און אינדערהיים, זאָגט ער מיר צום סוף, איז דאָס בעסטע פאַר אייך און פאַר אייער קעשענע... האָב איך אים אין דער ערד, לעבט ער אַזוי ווי ער וויים עפּעס...

הערסט, אויב איך וועל איצט ניט אָוועקפאָרן, וועל איך האָבן באַשע־הענעס סוף, און גאָט וויים, צי עס וועט זיין ווער, וואָס זאָל כאָטש לאָזן פאַלן אַ טרער אויף מיר?

מ׳עט וויינען, זאָגסטו, מ׳עט וויינען? נו, אַ לויב דעם אויבערשטן, אויף נאָכן טויט בין איך שוין באַזאָרגט, אָבער וואָס הערט זיך פאַרן לעבן? צו וועלכן דאָקטאָר זאָל איך פאָרט גיין? דו לאַכסט פון מיר? דו לאַכסט — און איך, איך באָגיס זיך מיט טרערן...

האַפּטשי!

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ היי־פיבערניק)

ווי אי קוקט מיך אָן, דאַכט זיך, אַז איך האָב גאָרנישט אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן, און יעדער איינער פון אייך קאָן זיך ווינטשן: אויף מיר געזאָגט געוואָרן. זאָג איך — האַפּטשי — נ̤יט פאַר אייך געדאַכט...

אַזוי בין איך גראָד אַ איד אַ בר־מזל, אַ מאַן פון אַ ווייב, אַ טאַטע פון עלף, אַט־אַזוי־אָ קוקן זיי אויס. איר ווינטשט מיר אַ צוועלפטן? — האַפּטשי. איר קאָנט מיין ווייב ניט איבעשרעקן.

אָבער איך — איך קאָן מיט מיין האַפּטשי ווייט ניט פאָרן. ווער עס האָט אַ פליך און איך — איך האָב אַ נאָז, ווער עס האָט אַ נאָז און איך — איך — האַפּ־טשי.

איר באַדאַרפט זיך פילן גליקלעך, וואָס איר ווייסט ניט פון דעם — האַפּטשי, פון דעם שטענדיגן אָנשיקעניש, אַז וואו איך גיי — האַפּ... און וואו איך שטיי — האַ־האַ־האַפּפּטשי!

איר קוקט אָן די נאָז? דאַכט זיך, אַ שמעקער ווי אַלע שמעקערס, ניט צו פאַרזינדיגן, נאָר ווי דאָס באַווייזט זיך נאָר צווישן מענטשן, איז גלייך — האַפּטשי!

איך קום אין קאָמפּאַני, זאָגט איינער: „איך האָב היטלערן איצט אין דר'ערד", און איך — האַפּטשי! אַ צווייטער זאָגט: „זאָל לעבן דער שלום", און איך — האַפּטשי! אַ דריטער ווינטשט זיך צו האָבן אַ מיליאָן, און איך — האַפּטשי!

יאָ, אָט אַזוי ווי איר זעט, ווינטער איז מיין גאַניע די ערשטע צו כאַפּן אַ פאַרקילונג. זי הויבט מיר גלייך אָן פּאָנפּען און — האַפּטשי! פרילינג־צייט, ווען בלומען נעמען בליען, ספּאַלאָשעט זי זיך ווידער און — האַ־האַ־האַ־האַפּטשי! קומט סוף־זומער, איז דאָך אָפּגערעדט, — דאָס איז איר סעזאָן, זי אַרבעט אָווערטיים, אַ גאַנצן טאָג — האַ־האַפּ — און אַ גאַנצע נאַכט — האַפּטשי!

ביי אייך, זאָגט איר, הייסט דאָס היי־פיבער און ביי מיר — האַפּטשי! קום איך אַריין אין עסטאָראַן — האַפּטשי! דער טיש אַרום מיר ווערט גלייך ליידיג, איך בלייב אַליין...

קום איך אַריין אין אַ מואַווי — האַפּטשי! נעמען זיך גלייך אָפּליידיגן אַלע פּלעצער אַרום מיר, מ'צעלויפט זיך פון אַ — האַפּטשי!

איך נעם־אויס א מיידל, און ווי נאָר איך נעם זי אַרום און וויל איר געבן דעם ערשטן קוש, אהא, — האפּטשי! זי קוקט מיך אָן מיט רחמנות־אויגן: „מיסטער, — זאָגט זי, — איר טאָרט ניט גיין מיט קיין מיידלעך, איר דאַרפט גיין מיט אייער האַפּטשי — גלייך אין בעט אַריין."

איר זאָגט, אַז מיין נאָז איז שענער פון אייערער, — דאַנק איך אייך טאַקע פאַרן קאָמפּלימענט, אָבער ... ווען איך האָב אייער נאָז, וואָלט איך — האַפּטשי — זיך געפילט אַ סך בעסער און איך וואָלט געקאָנט האַפּטשי'ן — טאָג און נאַכט ...

איך פאָר אַזוי אַנומעלטן צו דער אַרבעט, די באַן איז געפּאַקט, איינער האַלט אַ צייטונג, אַ צווייטער — אַ זשורנאַל, און איך — איך האַלט זיך מיט דער נאָז ... נאָר ווי גיך איך דאַרף אַ כאַפּ טאָן דעם הענגער, אַז איך זאָל ניט אומפאַלן — האַ־האַ — האַפּטשי!

„מיסטער, — שרייט צו מיר אויס אַ פּאַסאַזשיר, — איר זענט קראַנק, איר טאָרט זיך ניט ווייזן צווישן מענטשן."

„איך בין קראַנק? — ווער איך אין כעס, — איך האָב בלויז אַ האַפּטשי."

„געוויס, — זאָגט שוין אַ צווייטער, — מיט אַזאַ פאַרקילונג ליגט מען אין בעט, מיט אַ הונדערט און פינף פיבער ..."

וואָס? וואָס מיר האָט זיך גע'האַפּטשי'ט די נאַכט און גע'האַפּטשי'ט יענע נאַכט, זאָל אויסגיין צו אייער — האַפּטשי!

„אמת געגאַנגען, — רופט זיך אָפּ אַ אידענע. — אַז דריי זאָגן קראַנק, דאַרפט איר, מיסטער, זיך גיין לייגן. און אויב איר וועט ניט וועלן זיך לייגן מיט גוטן, וועט איר זיך לייגן מיט — האַפּטשי ...

איר הערט, אַלע, וואָס ווינטשן אידן בייז, זאָלן האָבן מיין נאָז און מיין — האַפּטשי. איין דאָקטאָר זאָגט מיר: ס'איז היי־פיבער, אַ צווייטער — ס'איז סאַינוס, אַ דריטער — ס'איז גלאַט אַ נאָז, וואָס פאַנפעט־אונטער, און איך — איך זאָג אייך, ס'איז — האַ־האַ־האַ — פּטשי ...

ווער עס שמעקט בלומען און איך — האַפּטשי; ווער עס שטעקט אומעטום אַריין די נאָז — און איך — האַ־פּ־טשי!

ווער עס האַלט אַ זיידן נאָז־טיכל אין בוזעם־קעשענע, און איך — האַ־האַ־האַ ...

ווי איז מיר, איך גיי צווישן מענטשן און האָב פאַרגעסן נעמען מיט זיך אַ — האַ־האַ־האַ נאָז־טיכל ... האַפּ־טשי, האַפּ־טשי — — — — האַפּ ...

הערט אַ מעשה

(אַ מאָנאָלאָג)

איר זעט דאָס פּעקל מיט די צייטונגען? שוין אַזוי וואָכן־לאַנג ווי איך טראָג זיך אַרום מיט דעם. איר פאַרשטייט, איך האָב ליב צו לייענען, אַ היינט־וועלטיגער מענטש מוז לייענען, מ׳דאַרף דאָך עפּעס וויסן אויף וואָס פאַר אַ וועלט מ׳לעבט. איז אָבער די פראַגע: וואו נעמט מען צייט?

צייט, ווייסט איר, איז געלט, און געדולד, פאַרשטייט איר, וואַקסט אויך ניט אין קיין גאָרטן. נו, אַבי איר ווייסט דאָס, ווייל טאַקע וועגן דעם וויל איך אייך דערציילן.

הערט אַ מעשה: אַנומעלטן כאַפּ איך זיך מיר אַריין אויף מיין סטאַנ־ציע אין דער באַן, פאַרנעם מיר מיין ווינקלדיגן פּלאַץ און טראַכט מיר, אַז אָט איצט איז די צייט, איצט וועל איך מיר אויסלאָדן אַ ביסל פון מיין סטאַק, וואָס האָט זיך מיר אָנגעקליבן — ווי ביי מיין זיידן יאָרן. איך נעם מיר פאַנאַנדער דאָס פּעקל, וואו עס ליגן אַ צען עדיטאָריעלס, אַ פופצן דערציי־לונגען, עטלעכע פּאָליטישע אַרטיקלען, אַ פּאָר פּאָלעמישע אַרטיקלען, אַ פופציג לידער, פאַרזעצונגען פון אַ ראָמאַן, — און וואָס זאָל איך אייך זאָגן, די געליבטע פון דעם ראָמאַן איז שוין אונטער מיין אָרעם אַלט געוואָרן, פאַרגעלט און צעריבן געוואָרן... דער העלד איז שוין אפשר דערשטיקט געוואָרן צווישן די עדיטאָריעלס — אָבער לייענען זיי האָב איך נאָך אַלץ ניט קיין צייט.

ווי איך נעם זיך אַזוי אויסקלייבן וואָס פריער צו לייענען, רוקט זיך צו מיר צו אַ פּאַסאַזשיר, דערלאַנגט מיר אַ שלום־עליכם און מאַכט צו מיר אַזוי: „ווי איך זע, מוזט איר וויסן מער פון מיר, שייך צו זאָגן, אַ איד מיט אַזאַ פּעקל צייטונגען, ביי אייך קאָן איך דאָך טאַקע אַלץ זיך דערוויסן. איז ערשטנס, זאָגט דער איד, וואָס דענקט איר וועט זיין, אויב אין פופציג יאָר אַרום וועט פון היטלערקעס ממזירים אויסוואַקסן אַ נייער היטלער און וועט אָנהויבן די אַלטע שטיק? און ווי מיינט איר, אין אַ הונדערט יאָר אַרום וועלן מיר זיך נאָך אַלץ דאַרפן שטיקן אין די סאָבוועיס?"

דער איד לאָזט מיר ניט אָפּכאַפּן דעם אָטעם און רעדט ווייטער:

„ווי איך זע נאָך אייער פּעקל צייטונגען, — זאָגט ער, — מוזט איר געוויס זיין אַ מבין אויף ליטעראַטור."

ער שלעפט ארוים פון בוזעם־קעשענע א ראמאן און לאזט מיר גלייך וויסן, אז אלע לויבן דאס, נאר דאך וויל ער הערן א מיינונג פון אזא אידן ווי איך בין.

פאר מיר איז שוין קלאר געווארן, אז איך בין ביי דעם אידן אין פלען, איז ווי גיך די באן האט זיך גענומען אפשטעלן אויף דער ערשטער סטאנציע, לאז איך אים וויסן, אז דא מוז איך בייטן די באן.

דער איד פארלירט זיך ניט און ענטפערט גלייך, אז טאקע דא דארף ער אויך בייטן, און לאזט זיך מיט מיר צו דער טיר.

אין דער צווייטער באן האט זיך דער איד צוגעכאפט מיט א פרישן אפעטיט און מיר גענומען דערקלערן, וואס ער האט שוין אלץ אין זיין לעבן געשריבן. ער כאפט גלייך ארוים פון א צווייטער קעשענע א פעקל לידער.

„איר זעט? — זאגט ער.

דא האב איך זיך ווידער א כאפ געטאן און גענומען גיין צו דער טיר:
„איצט, — זאג איך דעם אידן, — דארף איך בייטן אויף א סטריט־קאר.”

„נו גוט, — שרייט אוים דער איד, — ווי געוואונטשן! איך בייט דא אויך.” — און ער טוט מיך א נעם פאר די הענט: — „קומט, דא איז די קאר.”

ווען דער איד האט מיר גענומען דערציילן פון זיין „לעבן און שאפן”, האב איך שוין ניט געוואוסט אינגאנצן וואו איך פאר. איך האב ביי זיך באשלאסן, אז צו אלץ מוז נעמען א סוף — און געוויס וועט די קאר זיך אויך מוזן ערגעץ אפשטעלן...

ביז וואס־ווען דערציילט מיר דער איד:

„איר מיינט, אז עפעס אזוי גרינג קומט מיר אן צו שרייבן? איר ווייסט דאך, אז א שרייבער איז אויך פארהייראט, און אין א הויז איז פאראן, חוץ כלים, אויך ווינדעלעך צו וואשן, און פאדלאגע, און פענצטער, און מ'מוז ארונטער מיטן קינד אין גאס, און מיין ווייב, מעגט איר וויסן, איז א קאפריזנע. איז ווי נאר איך עפן א צייטונג, צעשרייט זי זיך: „אפשר וואלט איך אויך ביי דיר ווערט געווען דריי סענט און דו זאלסט אויף מיר אויך א קוק טאן?...”

„פארשטייט איר דאך, אז איך בין א מענטש, וואס וועל זיך ניט קריגן, נעם איך זיך דאס קינד, גיי ארונטער אין גאס, און ווי איר זעט מיך לעבן, אט אזוי זיצנדיג אויפן סטופ, האב איך אנגעשריבן זעקס ראמאנען, פיר־און־אכציג לידער, א גראס דערציילונגען און — — — ”

די קאר איז געקומען צו אַ ברעג און מיט איר פּלוצימדיגן אָפּשטעל האָב איך שיר־ניט פאַרלאָרן אַלע מיינע ציין.

איך גיב זיך אַ כאַפּ, איך געפין זיך שוין אין צווייטן עק שטאָט.

איך ווער אויסער זיך און שריי אויס מיט כעס: רב איד, ווייסט איר, אַז דער זייגער איז שוין עלף און איך האָב נאָך קיין וואסער אין מויל ניט געהאַט.״

„וואָס־זשע שרייט איר, — ענטפערט ער מיר קאַלטבלוטיג, — איך האָב עס דען יאָ געהאַט?״

איך גיב אַ מאַך מיט דער האַנט און לויף אַריין אין אַ קאַפעטעריא, לויפט דער איד מיר נאָך: „וואַרט אַ ווייל, איך בין נאָך אויך ניט גרייט צו שטאַרבן פון הונגער...״

ער לאָזט זיך אַריין מיט מיר אין דער קאַפעטעריא, באַשטעלט אַ מאָל־צייט און זעצט זיך ווידער לעבן מיר.

„איצט, — זאָגט ער, — פאַרשטיי איך, פאַרוואָס איר זיינט אַזוי אומ־געדולדיג. ווען אַ מענטש איז הונגעריג, רעדט דער מאָגן...״

ער האָט אויף שנעל פאַרשלונגען דאָס עסן און אַרויסגענומען אַ פּעקל — פון אַ דריטער קעשענע.

„איר זעט, — זאָגט ער, — דאָס איז מיין ביאָגראַפיע. ווען איר וועט דאָס דורכלייענען, וועט איר וויסן מיט וועמען איר האָט דאָ צו טאָן.״

דאָס גלאָז וואסער, וואָס איז געשטאַנען לעבן מיר, האָב איך שוין ניט געטרונקען, איך האָב עס אַ גאָס געטאָן אויף מיין האַלב־פאַר׳חלש׳טן פּנים, אַ כאַפּ געטאָן דעם טשעק און גענומען לויפן צום אַרויסגאַנג.

דער איד האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין טשעק און אים גענומען מיר אונטער־רוקן, אַז איך זאָל פאַר אים באַצאָלן.

„וואָס הייסט, — האָט ער גע׳טענה׳ט, — וואָס הייסט, איך דאַרף עסן אין אַ רעסטאָראַן? איך עס אין דער היים, און אין קעשענע האָב איך בלויז איין ניקל אויף קאַר־פעיר.״

דעם אמת געזאָגט, האָב איך זיך צו זיינע רייד ניט צוגעהערט, וואָרום ווען איך וואָלט באַצאָלט, וואָלט ער מיך נאָך ווייטער געמאַטערט. ער איז פאַרבליבן, ווייזט אויס, אין רעסטאָראַן צו וואַשן כלים פאַר דעם, וואָס ער האָט דאָרט געגעסן...

— — — — — — — — — —

אמאָל, זעט איר, האָב איך געהאַט אַ געדולד פון שטאָל, פון אַלומינום, היינט, ניט פאַר קיין אידן געדאַכט, איז מיין געדולד ווי אַ גומי — אַ צו־שטאַרקער צי — און עס פּלאַצט.

וואָס זאָגט איר, ביי אייך פּלאַצט שוין אויך די געדולד? שרעקט אייך ניט, איך וועל פאַר אייך גאָרנישט פאַרלייענען...

איר האָט אפשר אַ צימער?

(אַ מאָנאָלאָג)

אפשר ווייסט איר וועד ס'וויל פאַרדינגען אַ רום, אַ בעדרום, אַ צימער אָדער אַ בעט? איך זאָג אייך, איך האָב שוין רומאַטעס אין מיינע פּיס פון זוכן אַ רום.

אפשר איז טאַקע ביי אייך פאַראַן עפּעס אַ רום? זאָל זיין אַ צימער ביי אַ מיסעס, אַ צימער אָן אַ מיסעס, מיט אימפּרואוומענטס, אָן אימ־פּרואוומענטס — איך דאַרף אַ רום!

שוין אַזוי חדשים ווי איך גיי אַרום טאָג און נאַכט, שלעפּ זיך אַרום מיט מיין טשעמאָדאַן, און וואו איך קום — קריג איך אַ וואַרום און אַ דאַרום און אַ ברום, — ניט קיין רום.

ביי אייער שכן אפשר? זאָל זיין אַן אויפשטעל־בעט, אַ האַלב בעט, זאָל זיין בשותפות מיט עמיצן, מיט איינעם וואָס כראָפּעט אפילו, אבי האָבן וואו אוועקצושטעלן דעם טשעמאָדאַן און אוועקצולייגן דעם קאָפּ.

אַנומעלטן האָב איך געהערט, אַז אין לאָס־אַנדזשעלעס איז פאַראַן אַן אויסזיכט אויף אַ רום, כאַפּ איך מיין טשעמאָדאַן און לויף. איך קום־אָן אויפן אַדרעס, וואָס מען האָט מיר געגעבן, — און וואָס זאָל איך אייך זאָגן? אויף מיין אומגליק, דער מאַן בעסערט זיך גאָר, ער בלייבט לעבן! און איך — איך בלייב ווידער אָן אַ רום.

נעם איך מיר מיין טשעמאָדאַנטשיק און גיי־אַרום פון הויז צו הויז, פון טיר צו טיר, פון רום צו רום: — איר האָט אפשר אַ רום? אַ רום אָן אַ בעט — אַ בעט אָן אַ רום. אַ האַלב בעט, אַ פערטל בעט, אויפן דאַך, אין קעלער. ווייסט איר גאָר וואָס, פאַרדינגט מיר אַ פּלאַץ פאַרן טשעמאָדאַן, און איך — איך וועל שלאָפן אין טעאַטער, אין פּאַרק, אין דער באַן, אָדער גאָר ביי אַ לעקציע... באַפרייט מיך נאָר פון טשעמאָדאַן.

אָבער — איך דריי זיך אַרום — ניטאָ קיין רום.

אָט אַזוי גייענדיג און קלאַפּנדיג אין די טירן, פון הויז צו הויז, כאַפּ איך זיך, אַז איך האָב שוין אָנגעשפּאַרט אין אַריזאָנאַ.

אין אַריזאָנאַ לאָזט מען מיר ווויסן, אַז אויף צו קריגן אַ רום אין אַ האָטעל, בין איך ניט גענוג רייך, און אין האָספּיטאַל — ניט גענוג קראַנק...

דערבאַרעמט זיך איבער מיר האָט גראָד איינער, ניט אַבי ווער, אַ זייער רייך־געקליידעטער יונגערמאַן. ער האָט מיך אַריינגענומען אויף איבערגעב־טיגן צו זיך.

אינדערפרי האָב איך ניט געטראָפן אין צימער ניט דעם יונגענמאַן, ניט מיין טשעמאָדאַן.

דעם אמת געזאָגט, איז מיר אַרונטער אַ יאָך פון קאָפּ. איצט, האָב איך געוואוסט, דאַרף איך זאָרגן נאָר פאַר זיך, מיין טשעמאָדאַנטשיק איז שוין, דאַנקען גאָט, באַזאָרגט...

מיט פרייע הענט האָב איך זיך גענומען צו דער אַרבעט. איך האָב באַשלאָסן, אַז איך מוז געפינען אַ צימער און — אַבי איר פאַרשטייט: אַז מ'זוכט — זוכט מען...

אַזוי בין איך דערקראָכן אין פלאָרידע.

אין פלאָרידע, פאַרשטייט איר מיך, זאָגט מען, אַז — וואו צוויי, דאָרט קאָן זיך פּאַמיעשטשען אַ דריטער... האָב איך גענומען קריכן פון האָטעל צו האָטעל, נאָר אומעטום האָב איך געקראָגן איין ענטפער: „מיר האָבן שוין דעם דריטן..."

צו זאָגן דעם אמת, אין איין פּלאַץ האָב איך עפּעס יאָ געקאָגן אַ שטיקל צימער, ס'הייסט, איך האָב געהאַט דעם צימער זעקס שעה אַ טאָג, ווייל די אַנדערע אַכצן שעה זיינען געווען פאַרדונגען צו אַנדערע קוואַרטיראַנטן.

פּאַסירט אָבער איינמאָל, אַז די צוויי מיידלעך, די שותפים מיינע פון דעם קוואַרטיר, וואָס זייער צייט צום שלאָפן איז געקומען פאַר מ י י ן צייט, האָבן זיך איין טאָג פאַרשלאָפן, און אַז איך בין אַריינגעקומען אין צימער אַריין פאַר מיין טערמין פון זעקס שעה, האָב איך געטראָפן צוויי מלאכים שלאָפנדיג אין מיין בעט. וואָס־זשע זאָל איך אייך זאָגן? איידער איך האָב באַוויזן זיי צו באַגריסן, האָב איך אויסגעפונען, אַ ניט אַנדערש ווי איך געפין זיך אין זיבעטן הימל... פול מיט מלאכים, ווייל אַלץ אַרום מיר און אין מיר איז געפלויגן... דער איינציגער חידוש איז מיר געווען: ווי קומט עס צו מלאכים צו פאַרמאָגן זייער אייגנס אַזויפיל פּאַדזשאַמעס, שיך, כל'ערליי שמירעכצן, וואַסערלעך, שטיקער זייף?

וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען? איינס און צוויי זיינען צו די מלאכים אָנגעקומען פּאָליציי־לייט, ווי די טייוואָלים, און מען האָט מיך פאַרזאָרגט מיט אַ צימער... אַרום פאַר זיך, אין איינעם פון די שענסטע פּריזאָנס אין פלאָרידע...

מייִנע טענות, אַז מ'האָט ביי מיר צוגע'גנב'עט מיין טשעמאָדאַן און אַז איך בין ניט קיין טרעמפּ אָדער איינברעכער, נאָר איך זוך אַ רום, אַ צימער, אַ קוואַרטיר — מייִנע טענות האָבן קנאַפּ־וואָס געהאָלפֿן.

דער סוף איז געווען, אַז נאָך אַ וואָך פֿרייַע קעסט מיט לאָזשי האָט מען מיך אַרויסגעשיקט פֿון סטעיט. און אַזוי בין איך אָנגעקומען צוריק קיין ניו־יאָרק.

אָט אַזוי האָב איך זיך דערשלאָגן צו מייִנעם אַ לאַנדסמאַן, און אַ וואָרט־פֿאַר־אַ־וואָרט, זאָגט ער מיר: „מילא, אַ צימער איז שווער צו קריגן, אָבער אַ פּרוויִנצימער קאָנסטו דאָך קריגן. פֿאָלג מיך, זאָגט ער, האָב חתונה, איצט איז דייַן בעסטע געלעגנהייט." און טאַקע גלייַך איז ער געוואָרן מייַן שדכן: „דו ווייסט — קלאַפּט ער מיר אָן אין פּלייצע, — אונזע לאַנדספֿרוי געניע איז געוואָרן, נעבעך, אַן אַלמנה, געבליבן איינע אַליין אין פֿינף ווייסטע צימערן."

איצט, פֿאַרשטייט איר מיך, גיי איך אַרום און ברעך זיך דעם קאָפּ: ס'קומט מיר אויס ניט אַנדערש ווי צוליב אַ צימער — זיך נעמען... אַ פּרוויִנצימער.

אַ מאַן — ווי איז מיר

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ פרוי)

אַלע מלחמות אויף דער וועלט ענדיגן זיך מיט אַ שלום, אָבער ניט ביי מיר. מיינע מלחמות ענדיגן זיך שטענדיג מיט אַ „ווי־טאָג" פאַר מיין מאַן און אַ „ווי־טאָג" פאַר מיר... כדי צו באַוואָרענען זיך קעגן מלחמה, מאַכן די לענדער אַ ליג — מיין מאַן מאַכט פאַר מיר אַ ליג — אין דר'ערד...

ווי איר קוקט מיך אָן, פירט זיך שוין אַזוי אונזער מלחמה צוויי און דרייסיג יאָר. קיין איין טאָג שלום ניט געהאַט. ס'איז איין גרויסע מלחמה. גלייך נאָך דער חתונה האָט זיך אים פאַרוואָלט אַ קינד. ער וויל, זאָגט ער, פאַרגרעסערן זיין אימפּעריע. איך זאָג „ניין" און ער זאָגט „יאָ". דער סוף איז געווען, ער האָט געוואונען דעם קריג און איך — אַ צווילינג צוויי מיידלעך . . .

גלייך נאָכדעם איז געקומען אַ נייע קריגס־דערקלערונג. וואָס איז שוין ווידער? ער וויל אַ אינגל.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן, דער קריג איז אַריבער אַלע גרענעצן. ער איז אַוועק וואוינען ביי אַ שכנה. האָבן גענומען פליען פּעטש און דעפּעשן — פענדלעך און שטעך־ווערטלעך, ביז — יאָ, איר האָט געטראָפן, — עס האָט ניט גענומען לאַנג און איך האָב זיך געמוזט אונטערגעבן. אַ ברירה האָב איך געהאַט? גיי צעברעך אַ הײם. איז וואָס־זשע, מיינט איר, האָב איך געטאָן? איך האָב דערקלערט די הויז — אָן אָפענע שטאָט... איך קריג זיך מער ניט.

נו, מער ווי דאָס האָט ער ניט געדאַרפט. אַ גאַנצע נאַכט איז ער גע־שלאָפן אין בעט און בייטאָג — אויף דער קושעטקע. האָב איך נאָר דערמאַנט דאָס וואָרט „אַרבעט", האָט ער מיר דערלאַנגט אַ קאָנטריבוכטשע... איך האָב שוין געמוזט מאַכן פאַר אים אַ גוטן סטייק פאַר דינער, און צאָלן נאָך דערצו... שאַדענערזאַץ — פאַררייכטן זיינע שיך...

אַט אַזוי פלעגט ער אָפּליגן שעה'ן לאַנג און זיך ציען די ביינער, און נאָך זיין ציען זיך, האָט ער געדאַרפט זיין די לענג פון אַ טעלעגראַף־סלופּ, אָבער געוואַקסן איז ער גאָר אין דער ברייט. ער איז אַרומגעגאַנגען מיטן פּעמפּיק ווי אַ גאַנז פאַר דער שחיטה, און איך — איך בין טאָג און נאַכט געלעגן אין קימפּעט...

אין אַזאַ צושטאַנד, ווי איר זעט, זיינען מיר דאָס אויסגעוואַקסן מיינע פינף מיידלעך און זעקס אינגלעך. און אויב איר מיינט, אַז זיין אימפּעריאַ־ליסטישער אַפּעטיט האָט זיך איינגעשטעלט, מאַכט איר אַ טעות.

איין טאָג געפין איך אויס, אַז ער איז שוין ווידער פאַרקראָכן אויף פרעמדער טעריטאָריע — זיך באַקענט מיט זיין פאַרטנערס ווייב און שוין —

וואָס פאַר אַ פאַרטנערס זיינען זיי? שוין גאָר פיינע פאַרטנערס. ערשטנס, שפּילן זיי אַלעמאָל צוזאַמען אין קאָרטן. צווייטנס, אויב מיינער צעקריגט זיך מיט מיר, גייט ער שלאָפן צום פאַרטנער, און — אויב דער פאַרטנער צעקריגט זיך מיט זיין ווייב — קומט ער שלאָפן צו אונז.

מעגט איר דאָס וויסן, אַז ווי מיין מאַן איז פויל, אַזוי האָט ער אָבער אויף זיך אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער. איז אַזוי גיך ווי זיין פאַרטנער צעקריגט זיך מיט דער ווייב און קומט צו אונז שלאָפן — שאַפט שוין מיין אומגליק, ס'הייסט מיין מאַן, אַ קריגס־דערקלערונג און גייט שוין שלאָפן צו אים, דאָס הייסט צו זיין ווייב אַהיים.

איר וואונדערט זיך ווי ער לאָזט מיך איבער מיט אַ פרעמדן מאַן? זייט ניט קיין נאַר, איר זאָלט מיר מוחל זיין. ערשטנס, האָט ער אַן אַרמיי פון עלף קינדער, וואָס דינען אים שטענדיג ווי אַ „האָום־גאַרד"; צווייטנס, פאַרוואָס פרעגט איר ניט, וואָס פאַר אַ פּנים עס האָט מיין מאַנס פאַרטנער?

דער איינציגער אונטערשייד צווישן אים און אַ פערד איז, וואָס ער שפּילט פּינאָקל, ס'הייסט שפּילן קאָן ער ניט, נאָר ער שפּילט סיי־ווי־סיי. אַי, וועט איר דאָך פרעגן, ווי קומען צו אים קינדער? וועל איך אייך ענט־פערן ווי עס ענטפערט דער דזשעניטאָר: ווען זי פאַרלאָזט זיך אויף אים, וואָלט זי דאָס אויך ניט געהאַט...

איר הערט, וואָס איינער זאָל ניט זאָגן וועגן מלחמה, מיר האָט די מלחמה געבראַכט אביסל שלום. אַזוי ווי ער איז אַ שטיקל פּאַטריאָט, איז ער קודם־כל אוועק אַרבעטן אין אַ שאַפּ. די „בלעקאַוטס", ווידער, האָבן מיר געגעבן אַביסל ליכט אין לעבן. ער פלעגט קומען פריער אַהיים, אָנגעקוקט אַ קינד — אַ קינד אים. און ועל־כולם, צוליב די „רעישאַנינג־פּאָינטס" האָט ער געמוזט אַביסל איינהאַלטן זיין זולל־וסובא האַלדז.

אָבער איצט, וויי איז מיר, זע איך שוין, אַז פון אַלע מיינע זיגן לאָזט זיך אויס — אַ קאַפּוט־ילאַציע. איך זע שוין ווי מיינע צרות פאַנגען זיך שוין ווידער אָן פון דאָס ניי.

וואָס זאָגט איר: די קינדער זיינען שוין גרויס און איך קאָן שוין שלאָגן מיט אים כפּרות? אייך איז גוט צו רעדן. אין אַ קאַלטן וועטער, פאַרשטייט איר מיך, איז אַ טראַנטע אויך אַ בגד... די וועלט זעט טאַקע אויס ווי אַ מדבר, אָבער—קיין מאַן פאַלט ניט פון הימל... איר פאַרשטייט?

יאַנקל בייט זיך ניט...

(אַ מעשהילע)

רופן רופט מען אים יאַנקל דער משוגענער. ער איז אָבער ניט אַזוי משוגע ווי ער מאַכט זיך.

זיין גרעסטער פאַרגעניגן איז צו מאַכן קונצעלעך, האָקוס־פּאָקוס. ער קוועלט אָן, ווען די קינדער שטעלן זיך ארום, לאַכן — און פון די פענצטער וואַרפט מען פּענים. ער קלייבט צונויף די פּענים און לאַכט דערנאָך פון זיי...

ווען זיינע לאַנדסלייט זאָגן אים: „יאַנקל, וואָס מאַכסטו זיך משוגע? אַ מענטש אין דיינע יאָרן זאָל פּראַווען אַזעלכענע שטיק?" — צעלאַכט ער זיך און ווייזט זיי אַ פייג: „ווען איך, — זאָגט ער, — מאַך זיך ניט משוגע, ווער וואָלט געקוקט אויף מיר און מיר געגעבן פּענים, אַ בולקע מיט פּוטער און אַ הייסן וואַרמעס?"

„ס'טייטש, יאַנקל, — זאָגט צו אים ערנסט איינער פון דער משפּחה, — דו מאַכסט דאָך אונז צו־שאַנד. פאָלג מיך, ווער אַ מענטש, זוך זיך עפּעס אָפּ אַן אנשטענדיגע ארבעט."

„ניט איך, — מאַכט יאַנקל מיט אַ האָקוס־פּאָקוס, — יאַנקל בייט זיך ניט... ביי מיר איז דאָס אַ פּרינציפּ. איך דאַרף זיין משוגע — צו ווערן איצט קלאָר... אַזויפיל יאָרן געמאַכט קונצן, אַלע קאָנען מיך פאַר אַזעלכן, זאָל איך איצט — פריש, געזונט און משוגע — נעמען און גיין ארבעטן. ניט ביי יאַנקלען!"

און יאַנקל שיסט אַרויס אַ געלעכטער, מאַכט מיט די פינגער פיר פייגן אויפאַמאָל און ווינקט מיט אַן אויגל זיין פריינט: „וואָס אַ משוגענעם קאָן איינפאַלן... איצט, אויף די עלטערע יאָרן, גאָר גיין ארבעטן, ווען איך קאָן לעבן אַזוי?!"

„אָבער, — טענה'ט אַ צווייטער פון דער פאַמיליע, — פאַרוואָס טוסטו ניט איבער אַ העמד, גיב אַ קוק אויף זיך."

יאַנקל גיט אויף זיך אַ קוק:

„פּיין! איך, יאנקל, בייט ניט קיין העמדער, איך האַלט זיך ביי מיינס. אַזויפיל יאָרן זיך צוגעוואוינט צו איין העמד, זאָל איך איצט גאָר אויסטאָן? וואָס, בין איך משוגע?"

זומער און ווינטער טראָגט יאנקל אַ לאַנגן כאַלאַט מיט אַ שטרוי־הוט. ווינטער שרייט מען צו אים:

„יאנקל, פאַרוואָס טראָגסטו אַ שטרוי־הוט?

זומער: „יאנקל, פאַרוואָס טראָגסטו אַזאַ שווערן מאַנטל?"

יאנקל צעלאַכט זיך: „זיי מיינען, אַז איך געהער צו דער משוגענער וועלט... אַלע טאָג קוקן אויפן הימל און זיך בייטן נאָכן וועטער נאָך? איך — איך האָב מיר אַ פּרינציפּ, איך האַלט ניט פון בייטן, און אויב איך געפעל ניט, קוקט ניט אויף מיר."

יאנקל נעמט פּאַטשן מיט די הענט, קרייען ווי אַ האָן און לאַכט:

„איך וועל אייך אָבער צווינגען צו קוקן אויף מיר, איר וועט פּלאַצן — און קוקן..."

און אַז מענטשן טרעפן יאנקלען ווינטער שלאָפן אינדרויסן, קריגן זיי רחמנות אויף אים:

„יאנקל, זע, אַזאַ בייזער ווינט, עס שנייט און פרירט, פאַרוואָס גייסטו ניט אַריין אין אַ הויז שלאָפן?"

„משוגענע, — טייטלט יאנקל מיט אַ פינגער, — פאַראַיאָרן האָט מען מיר אויך אַזוי געזאָגט, איך האָב זיך אָבער געהאַלטן ביי מיינס. יאנקל בייט זיך ניט..."

עס זיינען אַוועק אַ פּאָר חדשים, אינדרויסן איז געוואָרן אַ היץ — און אַלע האָבן געזוכט אַ פּלאַץ צו שלאָפן אינדרויסן. נו, נו, האָט יאנקל אַביסל געלאַכט. ער איז אַרומגעלאָפן איבערן פּאַרק און געשריגן:

„ווער איז משוגע, איך צי איר? אַה, איר האָט געמוזט קומען אויף מיין וועג, מיר נאָכטאָן. איז ווער איז משוגע? יאנקל האָט אַ פּרינציפּ, יאנקל בייט זיך ניט!"

ווען יאנקל איז אויף די עלטערע יאָרן גרוי געוואָרן און האָט אַזוי איינמאָל געכאַפּט אַ קוק אויף זיך אין שפּיגל, האָט ער אויסגעשריגן צו זיך:

„אי, קעפּעלע, קעפּעלע, ווען דו וואָלסט זיך ניט פאַרדרייט . . . און געגאַנגען אין מיין וועג... וואָלסטו זיך קיינמאָל ניט געביטן. יאנקל בייט זיך ניט!..."

איינמאָל, אַ שטאַרק פאַרהונגערטער, איז ער מיט זיינע אָנגעקליבענע פּענים אריין אין אַ קאַפעטעריע, גענומען אַ גלאָז קאַווע מיט ברויט, און גייענדיג נאָך אַ לעפעלע, האָט ער זיך אַזוי געדרייט ביז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן דער זייט פון טיש, וואו ס'איז געשטאַנען אַ טעלער מיט בלינצעס, און — ער האָט גענומען שלינגען.

„יאַנקל, — רופט אויס אַ מאַן, — דו נעם זיך דיין ברויט מיט קאַווע — און די בלינצעס גיב אָפּ צוריק, ס'איז ניט דיינס.״

„ניט ביי יאַנקלען, — האָט ער זיך צעבייזערט, — יאַנקל האַלט זיך ביי זיינס. יאַנקל בייט זיך ניט! . . .

אַ לעבן אַזאַ

(אַ מאָנאָלאָג)

„ליג איינגעליינגט, דו האָסט מיר גאָרניט וואָס צו זאָגן!" אָט אַזוי קלינגט אויס מיין ווייבל זעכציק מאָל אַ מינוט, ווי דער טיקטאַק פון אַ זייגער.

מיינט איר דאָך, אַז זי לאָזט מיך „ליגן איינגעליינגט"? ווייס איך וואָס. דאָ — ניט ליג, דאָרט — ניט שטיי און דאָ — צו אַלדי־שוואַרץ־יאָר גיי...

איך זאָג אייך, אַז די וועלט איז גערעכט, ווען זי זאָגט: יעדער מענטש דאַרף זיך זוכן זיינס גלייכן. אַ פערד און אַן אייזל איז קיין געשפאַן ניט. ווי פלעגט זאָגן מיין מאַמע: פון שערמיגע מיט זייד מאַכט מען ניט קיין בגד. און זי איז געווען גערעכט, זאָלן מיר ביידע אַזוי לעבן.

איר פאַרשטייט, שערמיגע מיט זייד, איז — ווי שוואַרץ מיט ווייס, ווי הימל מיט ערד, ווי פייער מיט וואַסער, מיט איין וואָרט — ווי איך מיט מיין ווייבל.

איך בין אַ מענטש, ווי איר קוקט מיך אָן, אַ פּראָסטער בשר ודם, אָבער מיין ווייבל, פאַרשטייט איר מיך, איז ניט אָבי ווער. זי איז, מעגט איר וויסן, פון די סאַמע פשש־פשש־פשש. איז קאָנט איר זיך פאָרשטעלן וואָס אַ פנים איך, דער בשר־ודמ'ניק, האָב ביי איר — אַזאַ פשש־פשש־פשש, אין די אויגן.

מיין ווייבל, אַז זי פוצט אויס אַ הויז, איז דאָס ווי ביי אַן אַמאָליגן קייסער. אָבער איך האָב דעם אַזויפיל צו זאָגן, ווי אַ קייסער היינט־צו־טאָג...

איר וואָלט געמעגט אַמאָל צו מיר אַריינקומען. ס'הייסט, עס רעדט זיך אַזוי, וואָרום אין דער אמת'ן זיינען מיר זעלטן־ווען אין הויז. איך — גיי מיר מיין וועג און זי — איר וועג.

אָבער איר וואָלט געמעגט זען אַ הויז. דאָס גאַנצע הויז גלאַנצט, ווי אַן אויסגעפּוצטער שיך... דער פּלאָר איז געוועקסט און דער קאַרפּעט — רייסט ממש די אויגן מיט זיינע שיינענדיגע הערעלעך, גלייך עס וואָלט גע־לעגן אַן אויסגעקעמטער טיגער... וואָס זאָל איך אייך זאָגן? איך מוז גיין אויף די שפּיץ פינגער, איך זאָל חלילה ניט אַ קראַץ טאָן די פּאָדלאָגע, אָדער אַרויפטרעטן דעם טיגער אויפן עק, איך מיין אויפן קאַרפּעט...

אָבער מיינט ניט אויף איין מינוט, אַז מיין ווייב איז אַ קאַרגע. אָ, ניין, דאָס קאָן איך ניט זאָגן. זי איז גראָד אַ ברייטער מענטש. אויף געלט האָט זי גאָר שיטערע פינגער. זאַכן קויפט זי נאָר אין די בעסטע דעפּאַרטמענט־סטאָרס, און ניט נאָר גרויסע זאַכן. זי קאָן אָפּרופן אַ דעפּאַרטמענט־סטאָר מ'זאָל איר צושיקן אַ קעסטל טוטפּיקס, אַ קעסטל שוועבעלעך, און דאַרפן, זאָגט זי, דאַרף מען אַלסדינג האָבן אין אַ הויז. נאָר וואָס דען? ווי גייך זי קויפט עפּעס ווערט דאָס ביי איר אַן אַנטיק, אַ יקר המציאות און — ס'איז שוין ניט אַנצורירן... מוז איך זיך אַלעמאָל באַזאָרגן מיט ערזאַץ.

מיין ווייב האָט זייער ליב משפּחה, געסט. זי וועט פאַר אַ פּריינט לויפן אין פייער און וואַסער. אָבער, זאָגט זי, איינלאַדן געסט אין הויז מיינט זיך זוכן אַ קאַפּווייטיק. געסט, פאַרשטייט איר מיך, האָבן שוין אַזאַ טבע, זיצן זיי ביים טיש, שטעלן זיי אַרויף אַ פוס אויף דער סטאַלוגע, זיי גיבן אַ רייב אַ שוועבעלע אָן וואַנט, וואַרפן אַרונטער אַביסל ניס־שאָלעכטס אויפן קאַר־פּעט, כאַפּן אַרויס אַ בוך פון'ם שראַנק און נעמען בלעטערן. מיט איין וואָרט, זיי טוען אַלץ וואָס געסט טוען... איז ביטער, שלעכט, זאָגט מיין ווייבל, אַנשטאַט זי זאָל לאַדן געסט צו זיך, איז שוין בעסער, זאָגט זי, אַז זי זאָל גיין צו זיי...

איך וואָלט געמעגט אָנקוקן ביי מיין ווייב פּאַליצעס מיט כלים. און ניט גלאַט כלים, — קונסט־שטיקער, וואונדער־זאַכן, ירושות פון זיידן, פון עלטער־זיידן און פון יענעם פּעריאָד, ווען מ'האָט נאָך געשריבן אויף ליימענע טאָוו־לען. אָבער אין וואָס עסן — האָב איך ניט. אַ טעלער קאָן זיך נאָך צעברעכן, אַ גלאָז קאָן פּלאַצן און אַ טאָפּ זיך אויסרייבן — עס איך פון פּאַפּירענע כלים אָדער „קען־גודס"... און פאַרשטייט זיך, אַז אַזוי איז מיט דעם „זילבער", ס'הייסט מיט די גאָפּל, מעסער און לעפל. וואָרום, איר ווייסט דאָך, אַז מ'עסט מיט זיי, דאַרף מען זיי שייערן, און אַז מ'שייערט — רייבט מען אָפּ דאָס זילבער, — וואָס מיינט איר, היינטיגע צייטן קאָן מען עפּעס קויפן אַזעלכענע „זילבער"?

וואָס רעד איך זילבער, ס'איז דאָך גאָלד, און דאָס שטאַמט נאָך פון דעם עגל־הזהב. דער סוף איז, אַז איך עס מיט די הענט... אָדער מיט הילצערנע שטעקלעך — ווי אַ טשיינימאַן.

און דאָס אייגענע איז טאַקע וועגן טיש. אַלץ הייסט אַ טיש. דער טיש איז געמאַכט פון אַ האָלץ, וואָס שטאַמט פון דעם בוים, פונוואַנען אדם האָט געריסן די עפּל, און דער טישטעך, אויפן טיש, איז פון לייוונט, וואָס איז

אימפּאָרטירט געוואָרן פון צוויטן ב ר ע ג וועלט. ס'איז נאָך אפשר פון די טישטעכער, וואָס אברהם אבינו האָט געגעבן עסן די מלאכים פון הימל, — עס איך אויף אַן אויסגעשפּרייט פּאַפּיר פון אַ נעכטיקער צייטונג...

אין הויז שטייען ביי מ י ר, ס'הייסט ביי א י ר, בעטן, קאָשעטקעס, ליבעס־שטולן און גלאַט שטולן, אָבער וואו זיך צולייגן, אָדער זיך צושפּאַרן, האָב איך ניט. אויף דעם בעט, ווען מ'ליגט זיך — דריקט מען אַראָפּ די ספּרוזשינעס; אויף דער קאָשעטקע, קלאָגט זיך מיין ווייב, רייסט מען אָפּ דאָס לעדער... אויף דעם לאָוו־נעסט ווערט צעקנייטשט דער לייוונט... דער סוף איז — בייטאָג, אַז איך וויל עפּעס לייענען, זיץ איך אויפן סטול, און ביינאַכט — שלאָף איך אויף אַ גרויסן טראַנק... נאָר אַז איך וויל הערן אַ שטיקל מוזיק אויף דער ראַדיאָ — שטעל איך זיך ווי אַ בעזעם אין ווינקל און הער די ראַדיאָ פון נעקסט־דאָר...

ס'הייסט מ י ר האָבן גראָד אַ ראַדיאָ אין הויז, אַן אייגענע, אָבער ס'איז אַ ראַדיאָ נאָר אויף צו קוקן. ווייל אַ ראַדיאָ, ווי איר ווייסט, האָט אַ טבע, זי ברענט זיך אויס ווען מ'נוצט זי... די קנעפּלעך רייבן זיך אָפּ, און דער טאָן קאָן נאָך מיט דער צייט נעמען פּאַנפּען. אָבער, אַז מ'נוצט ניט — האַלט זיך דאָס אין „שייפּ", ווי, לאָמיר זאָגן, אַ פרוי, וואָס האָט ניט קיין קינדער.

איר וואָלט געמעגט אָנקוקן ביי מיר אין הויז די וואַנע, פון קרישטאָל, קאָן מען זאָגן, וואָס אפילו אַ שפּיגל קאָן זיך שפּיגלען אין איר. און פאַר־שטייט זיך, אַז מיר האָבן הייסע און קאַלטע וואַסער. נאָר — אַז איך וויל אַ וואַנע, אָדער אַ שפּריץ, דאַרף איך גיין אין דער שטאָטישער באָד אָדער אין סווימינג־פּול.

אַז מ'נעמט אַ וואַנע, טענה'ט מיין ווייב, גיסט זיך אָן וואַסער אין באָד, און נאַסקייט ברענגט פוילקייט, און פוילקייט ברענגט פליגן, קאַקערוטשעס. מיט איין וואָרט, ווען זי קאָן הענגט זי אַרויס די וואַנע אויף דער וועש־ליין — עס זאָל שטענדיק זיין טרוקן...

איר קענט מיין ווייב? נאָכאַלעמען איז זי אַ פיינע פרוי, אַ צאַרטע, אַן איידעלע, מילך און האָניג, און אַז זי פּוצט זיך אויס איז דאָס נאָר ווי אַ מלאך — ווייס און ריין. ס'איז ניט קוק מיך אָן און ניט ריר מיך אָן. קיין גלעט איבערן קאָפּ טאָר איך איר ניט געבן, ס'קאָן נאָך צעפּאַטלען אירע האָר. אַ קוש? — חלילה, ס'וועט צעשמירן דעם „ליפּסטיק" אויף איר פּנים. אַרומנעמען? — גאָט באַהיט, ס'קאָן נאָך ווערן אַ קנייטש אָדער חלילה

אַ פֿלעק אויפֿן ווייסן קלײדל. נו, און ווענן שפּאַצירן אַמאָל צוזאַמען, — איז די מעשה אַזוי: אַ שטאַרקע זון צעברענט די הויט און ס׳ווערט קנייטשן אויפֿן פּנים, אַ רעגן צעקנייטשט די קליידער און אין אַ קאַלאַמוטנעם טאָג איז מען אַליין אויך קאַלעמוטנע...

איצט פֿאַרשטייט איר שוין, פֿאַרוואָס איך מוז זיך אַרומשלעפּן מיט אַ פֿרעמד ווײַבל? ס׳איז אַן ערזאַץ־לעבן, מיין פֿריינט, אַלץ ערזאַץ...

אַ פייערדיגע אויפנאַמע

(פען־שטיפעריי)

מיסטער שערמאַן איז געווען אין אַ גוטער שטימונג, ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט אַ גרופּע פון זיינע אַלטע פריינט. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אויף זיך זיין נייעם מאַנטל, פאַררויכעט זיין ליולקע און זיך ארויסגעלאָזט מיט זיי אין גאַס.

שפּאַצירנדיג אַנטקעגן אַ מילד ווינטל, האָט ער מיט איין העלפט פון די ליפּן זשעדנע געזויגן די ליולקע, ווי אַ הונגעריג זויג־קינד ציט דעם נאַפּל פון דער מאַמעס ברוסט, און מיט דעם צווייטן טייל ליפּן אָנגעפירט אַ הייסע דיסקוסיע מיט זיינע פריינט.

פאַרבייגייענדיג אַ פיינעם רעסטאָראַן, האָט ער זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט און פריילעך אַ זאָג געטאָן: „חברה, היינט גייט איר מיט מיר עסן אין אַ ליטישן רעסטאָראַן."

מיסטער שערמאַן האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין רעסטאָראַן און חברה נאָך אים. ער האָט וואָוליוונגעריש ארויסגעכאַפּט די ליולקע פון מויל, זי אַריינגעלייגט אין קעשענע פונ׳ם מאַנטל, אַריבערגעוואָרפן איבער איינעם פון די שטולן, אַרום דעם גרויסן טיש, וועלכן ער האָט פאַרנומען פאַר זיך און זיינע פריינט.

ער האָט גוטמוטיג אַ קלאַפּ געטאָן אין ביל׳ס ברייטער פּלייצע: „דו קאָנסט דאָך עפּעס אַריינשיסן אַ סטייק ווי אַ לאָקשן־ברעט, אָרדער, זשאַלעווע ניט!" און אַזוי האָט ער אָנגעזאָגט יעדן פריינט זיינעם, ווייסנדיג וואָס יעדער פון זיי האָט ליב און ווי גרויס ס׳איז זייער אַפּעטיט.

די וועיטערקע, אַ יונג, שיין מיידל, מיט אַ פריילעך פאַררייסן נעזל, האָט גענומען שטעלן די גלעזער וואַסער און צעלייגן דאָס זילבער. מיטאַמאָל האָבן אַלע אַרומיגע געסט אָנגעפאַנגען צו ניסן, ווישן זיך די אויגן און אַלע האָבן זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר די נעזער, וואַרפנדיג בליקן איינער צום צווייטן.

מיסטער שערמאַן האָט זיך צענאָסן שטאַרקער פון אַלעמען און איז בייז אָפּגעשפּרונגען פון שטול:

— עפּעס הערט זיך ביי אייך אַ מאָדנער ריח, — האָט ער האַלב ניסנדיג און האַלב וויינענדיג גענומען רופן די וועיטרים. — גיי, זע וואָס ס׳טוט זיך ביי אייך אין קיך.

דער באַלעבאָס איז גלייך אַרויסגעקומען פֿון הינטערן קאָנטער און זיך אויך באַלד אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר דער נאָז.

— עס ברענט ביי אייך אַ סטייק, — האָט איינער פֿון די קאָסטומער פּרובירט טרעפֿן. אַ צווייטער האָט באַשולדיגט דער קעכין אין פֿאַרברענען די פֿיש. אַ דריטער האָט אַ שמעק געטאָן זיין טעלער אַרבעס־זופּ.

מיסטער שערמאַן איז גלייך געוואָרן ביזי און גענומען ווייזן דעם באַ־לעבאָס ווי צו פֿאַרדרייען די סטים, אַרויסרייסן די עלעקטרישע פֿאַרבינדונגען פֿון דער וואַנט, און אין דער צייט, וואָס מאַנכע פֿון די קאָסטומער האָבן זיך גענומען רוקן נענטער צו דער טיר, זיך אַרויסכאַפּן אין דרויסן, האָט מיסטער שערמאַן גענומען נישטערן אין און אַרום דעם קאָנטער. ער האָט גענומען איבערקערן טעפּלעך און פֿענדלעך, אַלץ זוכנדיג פֿון וואַנען ס'קומט דער ריח, וואָס האָט אַלעמען געשטיקט ביז חלשות.

נאָכדעם ווי אַלץ איז שוין געווען דורכגעוואָרפֿן און דער ריח האָט זיך פֿאַרשאַרפֿט, האָט מיסטער שערמאַן אַ רוף געטאָן זיינע פֿריינט, האָט פֿאַר־וואָרפֿן אויפֿן האַנט זיין מאַנטל און זיך אַריבערגעכאַפּט אין דער קאַפֿעטעריע אַריבערן וועג.

ווי גיך שערמאַן און זיינע פֿריינט האָבן פֿאַרנומען אַ טיש און אויפֿ־געהאַנגען זייערע מאַנטלען אויפֿן הענגער, האָבן זיי באַמערקט, אַז אויך דאָ אין קאַפֿעטעריע כאַפּן זיך די קאָסטומער פֿאַר די נעזער.

איינער צום צווייטן באַמערקט שוין ביי די טישן: וואָס איז דאָ, וואָס? עס קאָכט זיך אַ טבויר אין קיך. און אַ צווייטער שפּאַסט: ניט אַנדערש, דאָ מוז זיך געפֿינען אַ פּאַשיסט אין רעסטאָראַן. דער מענעדזשער אַליין האָט געוואָלט מאַכן אַ שפּאַס פֿון דעם ענין, זאָגט ער: אונזער קעכין איז אַזאַ בריה, אַז אַלץ ברענט איר אונטער די הענט...

עס האָט לאַנג ניט גענומען און דער דיש־וואַשער איז אַריינגעלאָפֿן מיט אַן עמער וואַסער שרייענדיג: „גדיע פֿאַליעט?” וואו ברענט דאָ?”

נאָך דעם דיש־וואַשער איז אַרויסגעלאָפֿן דער קוכער און האָט גענומען האַקן מיטן האַק־מעסער די פֿאַדלאָגע, די די באָס־באָיעס, דער קעשיר, די קאָונטערלייט האָבן גענומען פּליוכען וואַסער אין דעם אויוון.

מיסטער שערמאַן האָט זיך אין דער צייט אַרויסגעכאַפּט און אָפּגערופֿן די פֿייערלייט.

אין רעסטאָראַן איז געוואָרן אַ טרעוואָגע. דאָס פּייפֿן און ליאַרעמען פֿון די פֿייער־וועגענער האָט זיך דורכגעריסן טיר און פֿענצטער.

די פייערלייט האָבן אויף גיך אריינגעשלעפּט די גומי־קישקעס, די העק און לאַמען האָבן גענומען אַרבעטן, און מיסטער שערמאַן האָט געמענעדזשט, ווי ער וואָלט געווען דער פאַרוואַלטער פון פּלאַץ.

מיסטער שערמאַנס פריינט, וועלכע זיינען שוין געווען פאַרהונגערט צום טויט, האָבן אים אָפּגערופן אָן א זייט: „וואָס רייסטו זיך דעם פּעלץ, ס'איז דיין רעסטאָראַן?" און א צווייטער האָט אונטערגעכאַפּט: טאַקע נו, וואָס איז, עס פעלן רעסטאָראַנען? דאָ ברענט, זאָל ברענען, מסתמא טויג דאָס פּלאַץ אויפן פייער."

מיסטער שערמאַן האָט צוליב זיינע פריינט ניט געוואָלט פאַרלירן מער קיין צייט אין רעסטאָראַן. ער איז צוגעלאָפן צום שטול, א כאַפּ געטאָן זיין מאַנטל אויף גיך און זיך געלאָזט צו דער טיר. מיטאַמאָל האָט א פּראַל געטאָן דער רויך פון זיין מאַנטל, באַגלייט מיט פונקען, ווי עס וואָלט אויסגעשאָסן א קאַטשיושקע. די פייערלייט האָבן זיך מיט זייער וואַסער־קישקע גלייך א וואָרף געטאָן אויף אים, מ'האָט אים גענומען קייקלען, קלאַפּן און באַגיסן מיט וואַסער פון אַלע זייטן.

ווען מיסטער שערמאַן איז אויפגעשטאַנען אַן אָפּגעבאַדענער און אויס־געצוואָגענער, האָט ער דערזען, אַז זיין גוטער וואָלענער מאַנטל איז אַוועק מיטן פייער און זיין גוטע ליולקע, וועלכע ער האָט א ברענענדיגע אריינגע־לייגט צו זיך אין קעשענע — איז אַוועק מיטן רויך...

„קונץ און וויצנשאַפט"

(אַ מאָנאָלאָג)

איר הערט, ווען איך האָב צו זאָגן... נאָר גיי זאָג, אַז קיינער הערט מיך נים.

וואָס וואָלט איך געזאָגט? איך וואָלט שוין געזאָגט גאָר אַ סך. די פראַגע איז נאָר, צי וועט איר זיך כאָטש צוהערן?

ערשטנס, וואָלט איך געזאָגט, אַז די אַלע „קונצן און וויצנשאַפטן", וואָס די וועלט האָט געמאַכט, זיינען ניט ווערט קיין אויסגעשאָסענע קויל... מ'האָט אויסגעטראַכט אַ האַרמאַט. וואָס טוט דער האַרמאַט? — אַ שאָס — און פּטור.

מ'האָט אויסגעטראַכט אַ קאַנאָן. וואָס טוט דער קאַנאָן? אַ קנאַל — און פאַרטיג. איצט האָט מען אויסגעטראַכט אַן אַטאָם־באָמבע. וואָס טוט די באָמבע? זי צעשפּאַלט זיך — ווי עס וואָלט גאָרניט געווען...

גלויבט מיר, אַז מענטשן מיט קלוגע קעפּ וואָלטן געמעגט טראַכטן פון עפּעס בעסערס. קינדער שפּילן זיך מיט ביקסלעך... אָבער גרויסע מענטשן, וואָס רעדן פון קונץ און וויצנשאַפט, וואָלטן זיך געדאַרפט שעמען אין זייער וויטן האַלז אַריין צו טראַכטן אפילו פון דעם...

איך, זעט איר, ווען איך בין פון די טראַכטערס, וואָלט איך שוין אויסגעטראַכט עפּעס בעסערס. נאָך מיין מיינונג נאָך, קאָן מען לעבן אָן מלחמות... און קיינעם וואָלט, חלילה, גאָרניט געפעלט, ווען מיר האָבן ניט די אַלע כלי־זין. זעט איר, איינס וואָלט איך מיר יאָ אויסגעטראַכט:

אָט, צום ביישפּיל, ברעכט מען זיך די קעפּ און די ביינער, פאַרנדיג אַלע טאָג צו דער אַרבעט, ווען מ'וואָלט עס אַזוי גרינג געקאָנט מאַכן, אַז די אַרבעט זאָל גאָר פאָרן צו אייך. למשל, איינער ליידט פון האַרצווייטאָג, רומאַטיזם, אַסטמאַ, און ער מוז זיין אין קאָונטרי אָדער ביים ברעג ים. מאַכט מען אַ שאָפּ אויפן וואַסער. דער פּרעסער האָט אַ פרישן ווינטעלע פון ים, די פינישערס, די אָפּערייטאָרס זיצן זיך ביז די קני אין וואַסער און פרישן זיך אָפּ אַלע ווײַלע. און, דער'עיקר'שט, מ'וועט פרייטאָג־צו־נאַכט ניט דאַרפן לויפן צו דער ווייב אין קאָונטרי...

א צווייט קונצעלע וואָלט איך אויסגעטראַכט, אַז נאָך אַ טאָג אַרבעט זאָל דער מאַן ניט דאַרפן וואַשן די כלים, און עס וואָלט שוין דערביי אויך געווען אַ טובה פאַר דער פרוי אין קיך. איך וואָלט איינגעפירט אַזאַ מין אָנדענק, אַ זכר (זייכער) פון די מלחמות, ווי, למשל, דאָס צעברעכן אַ גלעזל ביי אַ חתונה. אַלע אויפדערנאַכט נאָך וועטשערע גיט דער מאַן אַ וואָרף אַ טעלער צו דער ווייב און די ווייב ענטפערט אים צוריק מיט אַ טעפּל; דער מאַן גיט אַ וואָרף אַ גלאָז און די ווייב ענטפערט־אָפּ מיט אַ טעצל, און אַזוי ווייטער און ווייטער, ביז — דער טיש ווערט ריין . . .

איך וואָלט אויך עפּעס פאַרטראַכט אַזאַ מין מאַכינאַציעלע, וואָס זאָל שטיין אין הויז, לאָמיר זאָגן, ווי אַ מילכל פאַר פלייש אָדער פעפער. אַ מענטש האָט זאָרגן, פאַרשיידענע זאָרגן, ווי די פראַגע: וואו נעמט מען אויף דירה־געלט? פאַרן דאָקטאָר? אויף קליידער? באַצאָלן דעם בוטשער? און אַזוי ווייטער און ווייטער. נעמט מען אַרויס אַ מטבע, לויט דער גרויס פון די זאָרג, וואָס מ׳האָט, מ׳וואַרפט אַריין אין מילכל, אַזוי ווי אין אַ פאַרטאָפּיאַנ־טשיק, און די מאַשין קריגט דאָס גאַנצע קאָפּדרייעניש . . . זי דרייט זיך און דרייט זיך, און דרייט זיך דעם קאָפּ פאַר מיר, פאַר מיין ווייב און פאַר מיינע קינדער . . .

אָדער נעמט אַזאַ זאַך, וואָס ביי אייך קאָן דאָס אויסזען ווי אַ „קונץ״, אַ „וויצנשאַפט״, נאָר אין מיינע אויגן איז דאָס פּראָסט־פּשוט שכל. אָט, לאָמיר זאָגן, פלייש איז שווער צו קריגן, אייער זיינען בראַנד־טייער, מיט ציבילעס איז ביטער, פּרוכט איז ניט צו דערגרייכן — און עסן ווילט זיך.

נעמט מען אַן עראָפּלאַן, וואָס פלעגט אַמאָל וואַרפן באָמבעס, און מ׳כאַפּט מיט אים אַ פלי. וויל מען אויף אָנבייסן פרישע אייער, פליט מען צו אין טאַמס־ריווער אָדער פּאַטאַלומאַ; וויל מען אַ שטיקל פריש פלייש, לויפט מען צו אין שיקאַגער סטאַק־יאַרד; וויל מען אַביסל גוטן קאַוויאַר — כאַפּט מען זיך אַריבער קיין אָדעס; אַ גוט טעפּעלע קאַווע, — פאַרקירעוועט מען זיך אין טשילי; אַ פּאָר פונט צוקער, — שטעלט מען זיך אָפּ אין קובאַ. דערביי פאַרגעסט מען ניט און מ׳כאַפּט אַריין מאַראַנצן־זאַפט אין לאָס־אַנדזשעלעס. אָט אַזוי קאָן מען האָבן אַ גוטן מאָלצייט, אַזאַ יאָר אויף אונז ביידן.

און פאַרוואָס טאַקע עפּעס ניט טאָן פאַר מיין לאַנדסמאַן מוישע מענדל? ער האָט אַ אידענע, האָט זי אַ טבע, זי רעדט צו זיך אַליין. און וואָס, מיינט איר, רעדט זי? זי שילט איר מאַן — מוישע מענדלען. פרעג איך אייך,

פאַרוואָס קומט אים, אַז ווען ער גייט אַוועק צו דער אַרבעט אָדער צו אַ לאַנדסמאַן שפּילן אַ פּינאָקל, אַז זיין ווייב זאָל אים שעלטן? ווען מ'גיט אָבער אַ טראַכט אויס אַזאַ מין ראַדיאָ, אָדער פאָנאָגראַף, וואו מוישע מענדל זאָל קאָנען, זיצנדיג אין שאָפּ אָדער ביים „תהילים'ל, הערן, אַז ווי גיך די ווייב זאָגט: אַ בראָך אויף מיין מאַן, זאָל דער רעקאָרד אָפּענטפערן: אַ קלאָג אויף מיין ווייב. די אידענע רעדט: זאָל מיין מאַן גיין אויף קוליעס, און דער פאָנאָגראַף גיט אַ שפּיל אויס: מיין ווייב זאָל גיין אויף וואַקאַציע אין גן־עדן... איך פרעג אייך, וואָלט אַזאַ מאַשינדל ניט געווען אַ גליק פאַר דער מענטשהייט, בעסער ווי די אַלע טאַנקען מיט די סאָבמאַרינס?

וואָס, איר לאַכט פון מיין קונץ און וויצנשאַפט? אַ נו, ווייזט מיר, אַז איר קאָנט אויסטראַכטן עפּעס אַנדערש?

אַ סטייק — אַ פּאַדעשווע

(אַ מאָנאָלאָג)

דערלעבט יאָרן, אַז בהמות פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין די צייטונגען און ליגן דאָ אַלעמען אויף די ליפּן ... אַזוי איז שוין, ווייזט אויס, אין דער איצטיגער צייט: מענטשן זיינען הפקר און בהמות — מיט גאָלד צוגלייך ...

דיר געפעלט ניט דאָס שטיקל פלייש — און מיר געפעלן ניט די ביינער. אַמאָליגע בהמות האָבן דאָך, דאַכט זיך, אויך געהאַט ביינער. עס איז אָבער ניט ווי די היינטיגע בהמות. היינט קויף איך אַ פונט פלייש, געפין איך צוויי פונט ביינער ...

און איידער מ'קריגט נאָך דאָס, ס'ביסל ביינער! וואָס ווייסטו, וואָס? דער בוטשער האַלט דאָך דאָס פאַרשלאָסן ווי די טייערסטע בריליאַנטן. גלייך פאַרטאָג איז שוין די יאַטקע געפּאַקט. ניט, חלילה, מיט בהמות, מיט עופות, נאָר — מיט ווייבער, יונגע ווייבער און אַלטע ווייבער, שוויגערס, מאַמעס, מלחמה־ווייבלעך און גלאַט ווייבלעך, און אויב עס איז פאַראַן צווישן זיי אַ מאַן, ווערט ער בטל־בששים ...

איינע שרייט, אַז זי מוז האָבן פאַר איר קינד אַ לעם־טשאָפּ, אַ צווייטע — אַ ריפּ־סטייק, אַ דריטע קערט אַ וועלט — זי מוז קריגן אַ פּאָרציע מאַרך פאַר דער שוויגער ... און אַ פערטע וויל ניט אַנדערש ווי נאָר אַ פּאָר ביינער פאַרן מאַן און אַ שטיקל לונג פאַר דער קאַץ ...

איך זאָג דיר, דער הו־האַ, די געשרייען, דאָס רייסן זיך איבער דעם „נעקסט", דערצו נאָך דער יאַטקע־קלאַץ מיט דער האַק און דער בוטשער מיטן נאַסן פאַרטוך און האַרטן פּנים פאַרטרייבן דעם אַפּעטיט אַפילו פאַר געהאַקטע לעבער ...

מיינסטו אפשר, אַז איך האָב ניט געפרעגט דעם בוטשער אויף לעבער? איך ווייס דאָך, אַז ס'איז דאָ מענטשן, וואָס ביי זיי געהאַקטע לעבער איז ווי ביי מיר אַ שטיקל שמאַלץ־הערינג, אָבער ... אַנו, זיי אַ בריה און קריג דאָס איצט! אַן אַנדערע אויף מיין פּלאַץ וואָלט דאָס אויך ניט געהאַט, וואָרום דער בוטשער הערט דיך ווי דער שוחט דעם אָקס ... די ווייבער שרייען איינע די אַנדערע אַריבער: „מיסטער בוטשער, האַלט מיר דאָס הערצל," מיסטער בוטשער, לייגט מיר אָוועק דאָס קעפּל," „מיסטער בוטשער, פאַר־

נעסט ניט די פיסלעך און ווייזט מיר נאָר דעם צונג," און דער בוטשער שטייט און טרייבערט די אָדערן, ווי ניט אים מיינט מען דאָס...

היינט די טריקס און די קונצן, וואָס די ווייבער ווענדן אָן צו פאַרכאַפּן אַ „נעקסט"! מ'מעג עס אָנקוקן אויף חידושים, זאָג איך דיר.

אָט נעם, אַשטייגער, די מיסעס דאָבקין. זי קומט שטענדיג אַריין מיט אַ פאַרטיג קונצעלע. זי קומט אַריין אין בוטשער־סטאָר די לעצטע און שטייט די ערשטע. זי גיט אַזוי כלומר'שט אַ זאָג תמ'עוואָטע: „מאַמעס שטעלן אָפּ אַ קינד אין גאַס, און ס'קאָן פּלאַצן וויינענדיג, און — נישטאָ קיין מאַמע."

עס גיבן זיך גלייך אַ לאָז צו דער טיר מאַמעס, באָבעס און יונגע ווייבלעך און — די דאָבקין שטייט שוין די ע ר ש ט ע... און אַז זי נעמט זיך צום בוטשער, בין איך אים אסור מקנא. ער איז גיכער מקנה דער בהמה אויף דעם קלאָץ...

„מיסטער בוטשער, — גיט זי אַ צעשפּרייט מיט די הענט, — לאָזט מיר נאָר זען וואָס איר האָט אין אייז־באָקס?"

זי וואַרט ניט אויף קיין ענטפער, אויף קיין „נעקסט". זי שטייט שוין ביי דער וואָג, ביים מילכל. אין דער יאַטקע טוט זיך ווי אין אַ קאַטוך, ווען די הינער דאַרפן זיך לייגן, און דער בוטשער שטייט שוין דאָ פּריטשמעליעט— ווי אַ בהמה פאַר דער שחיטה...

ווען די דאָבקין גייט אַרויס, ווערט אַביסל פרייער. אַלע כאַפּן־אָפּ דעם אָטעם.

— — — — — — — — — — — — — — —

וואָס זאָגסטו? ס'האָט דיך געטראָפן אַן אומגליק? האָסט נעגנעסן אַ מילכיגן סאַפּער?

אויב אַזוי, מוז איך דיר דערציילן וואָס א י ך האָב נעהאַט נעכטן, וועסטו כאָטש וויסן פאַרוואָס ד ו האָסט געגעסן מילכיגס.

ווי איך שטיי אַזוי נעכטן אין געהאַקטע וואָונדן און וואַרט אויף מיין „נעקסט", אַז דער בוטשער זאָל מיר איינפּאַקן, און איך נעם זיך צו מיין פּאַקעטבוק אים צו באַצאָלן, כאַפּט זיך אַריין כאַשע, די מיסעס בערסאָן פון דאָ געגנאיבער. זי גיט אַ לייג אַוועק אַ פּעקל און לויפט איינקויפן אין גראָ־סערי. איך ווייס ניט פון קיין קונצן, גיב איך זיך אַ נעם ס'פּעקל און ניי אַהיים. אין דערהיים לייג איך אַריין דאָס פּעקל פליישׁ אין אייז־באָקס און גרייט אַלץ צו פאַר דער וועטשערע. פאַרנאַכט, ווען איך שטעל־צו דאָס טעפּל און די סקאַוואָראָדע, און וויל אַריינלייגן דעם סטייק — אַ בראָך איז מיר נישט!

— איך געפֿין אין פּעקל אַ פּאָר אַלטע, פֿאַרריכטע שיך. כאַטש נעם און מאַך אַ סטייק פֿון אַ פּאָר פּאַדעשוועס...

איך כאַפּ דאָס פּעקל מיט די שיך און לויף צוריק. אין בוטשער־סטאָר טראָגט מיר שוין דער בוטשער אַנטקעגן די נייעס, אַז איך האָב פֿאַרביטן מיין פֿלייש אויף דער מיסעס בערסאָנס שיך...

איך לייג אַוועק די שיך, נעם דאָס אַנדערע פּעקל און לויף. איך קום אַרויף אין הויז — אַ בראָך איז מיר נישט צום צווייטן מאָל! ווען זי, כאַשע, איז געקומען פֿון גראָסערי, האָט זי אַ נעם געטאָן מיין פּעקל פֿלייש און צעטראָגענערהייט איבערגעלאָזט איר מילכיג פּעקל פֿון דער גראָסערי...

וואָס איז צו רעדן? איך האָב שוין געמוזט נעמען פֿון איר פּעקל דאָס שטיקל פּוטער, די קעז און סמעטענע און אַלץ־מיט־אַנאַנדער — און מאַכן דערפֿון אַ מילכיגע וועטשערע.

איצט ווייסטו שוין, פֿאַרוואָס דו האָסט אין אַ פּראָסטן מיטוואָך געגעסן קרעפּלעך, לאָקשן מיט מילך און רייז־פּודינג?!

ווי האָט געזאָגט יענע — ווי הייסט זי דאָרט? — „ניטאָ קיין ברויט? — זאָלן זיי עסן לעקאַך!”...

וואו נעמט מען מאַניערן?

(פען־שטיפּערײ)

פון קינדוווייז אָן האָט מען אים געהאַלטן אין איין איינרעדן, אַז רייכע מענטשן ווערן געבוירן אין זיידענע העמדלעך. זייער גאַנצער צוזאַמענשטעל איז פון דעליקאַטנע מאַטעריאַלן. זייערע מעגעלעך קאָנען ניט פאַרנעמען קיין אַנדער זאַך ווי אין דער פרי אָראַנדזש־זאַפט. דערצו: זיסע סמעטענע, אייעלעך, געבראָטענע טייבעלעך, ווינער־שניצלעך, ראָזינקע־וויין, קאָקטיילס — מיט איין וואָרט, אַלץ וואָס איז גוט, איז ווי געבוירן פאַר זיי און זיי — פאַר די גוטע זאַכן.

און ניט נאָר זייערע מאָגנס, נאָר אַפילו די ליפּן זייערע זיינען אַנדערש געבויט, ווייל דער רייכער קייעט אַנדערש, שלינגט אַנדערש. זייערע ליפּעלעך זיינען קליין, די קישקעלעך שמאָל און דאָס אַפּעטיטעלע, אָט אַזוי אַ — דזשאָב, דזשאָב, בלויז אַ לעקעלע און אַ זופּעלע...

עסן, עסן זיי מיטן שפּיץ גאָפּעלע, זיי לייגן דאָס אַריין אין מיילכל מיטן שפּיץ פינגערל, דאָס קליין פינגערל האַלטן זיי אויסגעשטעלט, ווי איינער וואָלט זאָגן, מיין עסן איז ניט מער ווי אויפן שפּיץ נאָגל פון קליינעם פינגערל.

איצט שטעלט אייך פאָר ווי ער, דער אָרעמער אידישער שרייבער שעפּטל, האָט זיך געפילט, ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל געדאַרפט זיין אַ גאַסט ביי זיין פאַמיליע, אין דעם רייכן הויז פון די גאָלדרינגס — די מענטשן מיט די גאָלדענע מעגעלעך...

די רייכע פריינט זיינע אינ'ם שטעטל פּ. האָבן אַראָפּגענומען די האַנט פון האַרצן, ווען זיי האָבן באַשלאָסן צו קומען הערן זייער אָרעמען פריינט האַלטן אַ לעקציע און טאַקע אין אידיש, אין דער „זשאַרגאָנישער" שפּראַך, וועלכע זיי פלעגן מיט חוזק אויסלאַכן.

כדי זיך צו דערלויבן גיין הערן די לעקציע, וואָס זייער פריינט, דער אידישער שרייבער, וועט האַלטן, האָבן זיי געמוזט אים צושרייבן טיטולן און אים פאָרשטעלן גרויס אין די אויגן פון זייערע באַקאַנטע.

נאָך דער לעקציע זיינען די גאָלדרינגס מיט זייערע באַקאַנטע צוגעקומען צום שרייבער שעפּטל און גענומען אים זינגען לויב־געזאַנגען אין די אויגן פון זייערע פריינט. זיי האָבן אים געהויבן ביזן הימל צו באַרעכטיגן זייער איינלאַדונג צו אים, דעם אידישן שרייבער — צו זייער טיש.

איינער פון דער פאַמיליע האָט אים באַטיטלט אַלס דער גרעסטער רעדנער, אַ צווייטער — דער גרעסטער שרייבער, אַ דריטער — דער רייכסטער פּאַבלישער. שעפּטל איז געשטאַנען ווי אַ פאַרלויענער, ניט וויסנדיק וואָס צו ענטפערן.

איידער וואָס־ווען, האָבן שוין די גאָלדרינגס געזען, אַז עס זאָלן זיין די גויטיגע רעפּאָרטערס און פאָטאָגראַפערס. פאַר אַ פראַנצויזישן פריינט האָבן זיי פאַרגעשטעלט שעפּטלען, דעם אידישן שרייבער, אַז ער קען אַלע שפּראַכן, נאָר ניט פראַנצויזיש. פאַר אַ טערקישן פריינט האָט ער געקענט אַלע שפּראַכן, נאָר ניט טערקיש. און פאַר אַ העברייאישן — אַלע שפּראַכן, נאָר ניט העברייאיש. גערעדט האָט אָבער דער שרייבער שעפּטל צו אַלעמען אויף אידיש...

דאָס שווערסטע פּראָבלעם איז אָבער געווען פאַר שעפּטלען, ווען זיינע רייכע פריינט האָבן אים געלאָזט וויסן, אַז ביי זיי אין הויז ווערט צוגעגרייט אַ וועטשערע לכבוד אים, און צו דעם יום־טוב זיינען געלאַדן געוואָרן אַ גאַנצע ריי פון די פּני, די רייכע געשעפטסליט פונ׳ם שטעטל.

שעפּטל איז געבליבן שטיין אַ באַגאָסענער מיט שוויים. וואָס הייסט, ער וועט גיין אין אַ הויז, וואו אַלץ ווערט געפירט מיט דער גויטיגער עטי־קעטע, מיט די צירלעך־מאַנירלעך שטיק? ווי קומען זיינע פינגער, וואָס וויסן בלויז, שוין פון יאָרן אַזוי, ווי צו עסן אַ שטיקל הערינג, אָדער אַ סענדוויטש? ווי קומען זיי אין אַ רייכער הויז, וואו מען דאַרף עסן אָט אַזוי־אָ — דזשאָב, דזשאָב, דזשאָב, און האַלטן דאָס קליין פינגערל ווי אַ געליימטס — אין דער לופטן?...

שעפּטל האָט קיין סך ניט געטראַכט און געענטפערט זיינע רייכע פריינט, די גאָלדרינגס, אַז ער וועט גיין צו זיי אַלס גאַסט, אָבער עסן — דאָס ניט. ער האָט זיך גלייך אָפּגעזוכט אַ תירוץ און זיי פאַרטרויט, אַז זיין מאָגן ליידט פון אַלסערס, ער האָט הונדערט מיט פופציג לעכלעך אין זיין מאָגן און ער לעבט נאָר אויף מילך מיט קרעקערס...

די מיסעס גאָלדרינג האָט אים זייער שטאַרק באַדויערט, אָבער דערביי גלייך פאַרזיכערט, אַז זיי האָבן די גויטיגע קרעקערס, און מילך פעלט זיי אויך ניט, אין הויז, און ער וועט קאָנען עסן און טרינקען וויפיל ער וויל נאָר. מ׳האָט אים גלייך אריינגעזעצט אין זייער לעמאָזין און אוועקגעפירט צו זיך אין דער רייכער היים.

ביי די גאָלדרינגס אין הויז זיינען אויף די טישן געווען אָנגעשטעלט

פון אַלדאָס־גוטס. די דינסטן און באַדינער האָבן זיך אַרומגעדרייט און זיינען געווען גרייט צו דערלאַנגען נאָך און נאָך.

שעפּטל האָט געוואָרפן זיינע הונגעריגע אויגן אויפן טיש, וואו עס האָבן געשמעקט די טייערע סאַרדינען, די צונגען, קאַרנד־ביף, געהאַקטע לעבער, סאַלאַדן, זויערע אוגערקעס. און מער פון אַלץ האָט זיין כלומר׳שט צעלע־בערטער מאָגן אים געלעכצערט דעם קאָפּ: ווי קאָן מען זיך צוכאַפּן צו דעם שמאַלץ־הערינג מיט די ציבעלקעס, וואָס האָט ממש אַרויסגערופן די סליניע פון מויל? . . .

די רייכע געסט האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די טישן ווי אַ סטאַדע הונגעריגע וועלף איבער אַ קאַטשקע. מ׳האָט געגומען קייען אויףביידע באַקן, מ׳האָט געגעסן מיט די גאָפּלען און מיט די הענט, מ׳האָט אָפּגעלעקט דעם גאָפּל און אַריינגעשטופּט אין קרויט. מ׳האָט אָפּגעלעקט דאָס מעסער פון דער מאָסטערד און אַריינגעשטופּט אין דער פּוטער. איינער האָט אָנגע־פּאַנגען אַ שטיק חלה און פאַרביטן אויף פּאָמפּערניקל. אַ צווייטער האָט מיט די הענט אַרויסגעשלעפּט אַ סאַרדין פון טעלער, ווי ער וואָלט אים אַרויסגעכאַפּט פון טייך. וואָס מיר עטיקעטע, ווער מיר מאַניערן. טאָמער האָט ווער פון זיי אַרויסגעשטעלט דאָס קליינע פינגערל, אָט אַזוי־אַ, איז דאָס געווען איינצוטונקען אין דעם כריין אָדער אין דעם זאַלץ — די אַנדערע פינגער זיינען זיך געווען פאַרנומען מיט די אַנדערע זאַכן.

שעפּטל איז געזעסן מיט פאַרביסענע ליפּן ביים טיש. פון צייט צו צייט אַ זופּ געטאָן אַביסל מילך, וואָס די מיסעס גאָלדרינג פלעגט אים אונטערדרוקן, און אין האַרצן האָט אים געטיאָכקעט, די צונג אין מויל האָט זיך אים גע־טעליעפּעט: יאָלד, יאָלד, יאָלד, וואָס פאַר אַן אָלסערס האָב איך געדאַרפט? און וואָס פאַר אַ מאַניערן? אויף עסן ווי אַ היישעריק בין איך דאָך ווי אַ געבוירענער גביר . . .

— — — — — — — — — —

ווען זיי וואָלטן געזען ווי שעפּטל, דער שרייבער, האָט זיך אַריינגעשטופּט אין קעשענע אַ שטיק קנאָבל־וואורשט מיט ברויט, וואָלטן זיי זיכער איבער־געערדט און געזאָגט מיט חוזק: אַי, די קבצנים, די קבצנים, זיי האָבן דאָך גאָרנים נישט קיין מאַניערן . . . און פונוואַנען זאָלן זיי האָבן? זיי זיינען דען געבוירן געוואָרן אין זיידענע העמדלעך, מיט גאָלדענע מענעלעך? . . . קבצנים זיינען קבצנים!

אַ ניי־יאָר מתּנה

(פּען־שטיפּעריי)

פון דעם שמועס אין מאַרק, וואָס די מיסעס וואַסערמאַן האָט אָנגעפירט מיט אַ גרופּע ווייבער — וועגן פּוטער, קעז, צוקער און ווי אַזוי זי מאַכט פּאָווידלע, איז מען אַריבער צו דער פראַגע פון ניי־יאָר מתּנות.

זאָגט מיסעס פיין:

— איך האַלט ניט פון די נאַרישקייטן. מ'קויפט מתּנות ווען מ'דאַרף, אָבער גלאַט קויפן ווייל ס'איז ניי־יאָר — איז אַרויסגעוואָרפן געלט.

רופט זיך שוין אָפּ די מיסעס סאַסקינד:

— ס'הייסט, ניט קויפן? וואָס איז, אַלע טאָג איז ניי־יאָר? ס'קריכן נענוג אַרויס די אויגן ביז מ'דערזעט אַ נייעם קאַלענדאַר. איז אַז מ'דערלעבט שוין דאָס נייע יאָר, פאַרוואָס טאָקע ניט קויפן עפּעס?

די מיסעס פיין וויל פאַרטיידיגן איר שטאַנדפּונקט, אָבער די מיסעס סאַסקינד פאַרכאַפּט דאָס וואָרט:

— ווי מיר האָבן אַ יאָר פון גאָט, קויף איך מיין מאַן מיט די קינדער און דער גאַנצער פאַמיליע פּרעזענטן. ווי קאָן מען דען ניט קויפן?

— אַז מ'קויפט ניט, איז ניט געקויפט, — רייסט זיך אַריין די מיסעס פּעדער מיט אַ וואָרט. — אויפן קאַלענדאַר שטייט נישט געשריבן, אַז דעם און דעם טאָג מוז מען קויפן פּרעזענטן.

דאָ ווערט שוין די מיסעס סאַסקינד גאָר אין כעס:

— וואָס הייסט, ניט קויפן? אין מיין פאַמיליע זיינען נישטאָ אַזעלכע חזירים. אפילו איצט, אין קריזיס־צייט, אויב ס'איז שווער צו קריגן עפּעס רעכטס — איז אַ פּעקל גאָל־מעסערלעך, אַ פונט צוקער, אַ פּעקל סיגאַרעטס, קיין זאַך גייט ניט צו־פוס, אַ פּרעזענט איז אַ פּרעזענט.

אינמיטן די רייד פאַלט אַריין די מיסעס האָדעס מיט אַ באַמערקונג:

— פון אייערע רייד, מיסעס סאַסקינד, פאַרשטיי איך, אַז די שפּילקע, וואָס איר טראָגט, האָט איר געקראָגן פון אייער מאַן. ער האָט געשמאַק. ס'איז דאָך אַ שפּילקע אַן אַנטיק. אַבעטשע, ס'קאָסט אַ פופציגער?

— יאָ, געטראָפן דעם ריכטיגן קאָסטומער, — פאַרדרייט מיסעס סאַס־קינד מיט דער נאָז. — אַ חזיר ווייסט פון נעמען, ניט פון געבן ... אָט האָב

איך פֿאַראיאָרן אים געקויפֿט אַ פּרעזענט אַ שניפּסל, טראַכט איך ביי זיך: ווי וועט דאָס דער מענטש זיין אַ דבר־אחר און ניט אָפּקויפֿן עפּעס צוריק, ער ווייסט דאָך, אַז איך דאַרף אַ קאָוט, אַ העט, אַ דרעסקע אָדער אַ שטיקל דזשולערי! נעמט ער זיך צו דעם שניפּס און זאָגט מיר אפילו קיין דאַנק ניט. אַזוי זיינען אַוועק אַ דריי־פֿיר וואָכן, ביז איינמאָל, אַ זונטאָג פֿרימאָרגן, ער נעמט זיך פּוצן. גיב איך אים אַ זאָג אַזוי פֿאַרבייגייענדיג: „מאָרים, דו ווייסט וואָס עס מיינט אַ דבר־אחר?" זאָגט ער אַזוי אָן צערעמאָניעס: „יע, ווען מ'קויפֿט אַ שניפּסל און מ'פֿאַרגעסט צו קויפֿן אַ העמד..." נו, איך פֿרעג אייך?

— אַזאַ מאַן — פֿאַלט די מיסעס האָדעס אַריין אין די רייד — וואָלט איך געקויפֿט אַ צוקער־שטריקל, ניט קיין שניפּס...

— יאָ, ס'איז גרינג צו רעדן — געדענקט שוין נישט די מיסעס סאָסקינד ווי די דעבאַטע האָט זיך אָנגעהויבן און זי נעמט דערציילן ווייטער:

— איר מיינט, אַז די קינדער זיינער בעסער? האָט איר אַ טעות. איך קויף מיין גרויסער מויד צוויי פּאָר זאָקן. איר מיינט גלאַט זאָקן? שוין איינמאָל זאָקן! און אַז זי טוט זיי אָן, מיינט איר, אַז זי זאָגט מיר אַ דאַנק? מאַמע, זאָגט זי מיר, וואָלסט געמעגט האָבן אַביסל מער שכל. ווען מ'קויפֿט שוין, קויפֿט מען אַ האַלבן טוץ פּאָר, איז דאָס ביליגער... און וואָס, מיינט איר, טוען די זין? איך האָב אַ צווילינג, קויף איך זיי צוויי סוועטערלעך, גיבן זיי מיר אַ וואָרף די סוועטערלעך אין פּנים אַריין. זיי געפֿעלט ניט דער קאָליר. זעט איר, מיין שנורעלע, זי האָט גראָד צוגע־נומען דעם פּרעזענט מיט ביידע הענט און מיר נאָך געגעבן אַ קוש פֿאַר דעם. זאָל דאָס אָבער האָבן שכל און אָפּקויפֿן אַ זאַך דער שוויגער, זאָל זיין אפילו פֿאַר אַפּעני... נו, אַזוי זיינען שוין היינטיגע שנורעלעך... פֿון וועמען זאָל זי זיך דען לערנען? איר מיינט דער עלטערער זון מיינער איז בעסער? איך בין אַנומלטן געלעגן אין שפּיטאָל, זע איך, מ'טראָגט מתנות פֿאַר די קראַנקע, מ'ברענגט בלומען, קענדי, נאַיט־גאַונס און וואָס ניט? איין טאָג זע איך, מיין זון טראָגט מיר אַ פּעקל. זאָג איך צו מיין בעט־שכנ'טע: איר זעט, אָט אַזוי זיינען מיינע קינדער. איז ניטאָ די מאַמע אַ וואָך אין הויז, ברענגט מען איר מתנות אין שפּיטאָל אַריין.

די מיסעס פֿיין פּרובירט זיך אַריינרייסן מיט אַ וואָרט, לאַכנדיג צו די אַרומיגע:

— אַלבעטשי, אַז דאָס האָט דער זון אייך געבראַכט די שפּילקע?

— מיינע און אייערע שונאים זאָלן אזוי לעבן. ער נעמט ארויס ס'פעקל פון אונטערן אָרעם. מאמע, זאָגט ער, ווי איך וויים, אז דו האָסט דאָ גאָר־ניט וואָס צו טאָן, האָב איך דיר געבראַכט א קנויל וואָל, דו זאָלסט מיר אויס־שטריקן א סוועטער... איך האָב געמיינט, זאָג איך אייך, אז איך באַגראָב מיך א לעבעדיגע.

— ניט מער ווי רעכט, — צעלאַכט זיך די מיסעס פעדער.

— פונדעסטוועגן, — גיט זיך א פּאַטש די מיסעס סאָסקינד אין שטערן, — לאָמיר זיך דערמאָנען, וואָס פאַר א סאַיז העמד מיין מאַן טראָגט. א שניפּס האָט ער, וועל איך אים איצט צוקויפן א העמד. זאָל א דבר־אחר וויסן וואָס א ווייב קאָן...

אַ ברענענדיגע פראַגע

(אַ מאָנאָלאָג פון די מלחמה־טעג)

טאַקע ווייל מיר לעבן איצט אין אַזאַ ברענענדיגער צייט, מיט אַזויפיל ברענענדיגע פראַגעס, ווייל איך אייך אַ פרעג טאָן: איר האָט אפשר אַ שוועבעלע? און אויב נישט קיין שוועבעלע, איז — אַ זאַפּאַלקע, אַ מעטש, אַ צינד־העלצל, אַ קין־העלצל, אַ קרעמען מיט אַ היפּקע, — מיט איין וואָרט, ברענען זאָל עס!

לכתחילה האָב איך געזוכט אַ סיגאַרעטל. שייך זאָגן — געזוכט. געלאָפן פון קראָם צו קראָם, פון קענדי־סטאָר צו קענדי־סטאָר. און אָט בין איך אריין צו מינצ'ן אין קענדי־סטאָר. טראַכט איך ביי זיך: איך בין דאָך עפּעס אַ שכן, איז ווי וועט ער מיר נישט פאַרקויפן אַ פּעקל סיגאַרעטס? אָבער — באַשלים איך ביי זיך — גלאַט בעטן סיגאַרעטס פּאַסט דאָך נים. און עס פאַלט מיר איין אַ געניאַלער געדאַנק: איך וועל זיך הייסן געבן אַ „מאָלטעד" — און אַזוי, פאַרבייגייענדיג, אויך בעטן אַ פּעקל סיגאַרעטס. לייג איך מיר אַוועק מיין האַלבן טולער און גיב מיר אַזוי אַ זיפּ־אַרויס דורך די ציין:

„נו, מילא, גיט מיר שוין אויך אַ פּעקל סיגאַרעטס."

„סיגאַרעטס?" — גיט די מינצעכע אַ שיס־אַרויס מיט אַ געלעכטער. — „וואָס מיינט איר, מיר זיינען אין דיימענד־ביזנעס? אויב איר וועט ערגעץ קריגל אַ פּעקל, פאַרגעסט מיך אויך נישט."

מיסטער מינץ אַליין טוט דאָ אַ זאָג מיט אַ כלומר'שט־ערנסטן טאָן:

„מאָרגן, אַז מיר'ן לעבן, וועט זיין סיגאַרעטס. און אויב איר ווילט מיר נישט גלויבן, פאַרשרייבט דאָס מיט רויך אויפן הימל."

זע איך דאָך שוין, אַז מיין צייט גייט־אַוועק מיטן רויך, כאַפּ איך זיך שוין אריין אין אַ צווייטער סטאָר אויף דער זעלבער גאַס. איך געפין דאָרט די מיסעס גרינבערג פאַרזוקט אין אַ ווינקל הינטערן קאַנטער. טראַכט איך ביי זיך: זי האָט געוויס דעם אוצר... זי מוז דאָרט אוודאי האָבן עטלעכע פּעקלעך. איך האַנדל מיר איין אַ פּאָר פּרעצלעך, אַ שטיקל שאָקאָלאַד, קויף נאָכבאַמאָל אַ צייטונג — און גיב איר גנב'יש אַ פרעג:

„ס'איז דאָ?"

„וואָס מיינט איר ס'איז דאָ? וואָס?"

גיב איך איר אַ ווייז־אָן מיט צוויי פינגער אויף די ליפּן, ס׳הייסט צום רויכערן.

„האַ!“ — פּלאַצט זי אויך אַרויס מיט אַ געלעכטער, — „איר באַדאַרפט דאָס נישט מאַכן אויפן וואונק. איך האָב גאָרנישט מיט וואָס צו באַהאַלטן זיך. נישטאָ קיין סיגאַרעט אויף קיין רפואה.“

„איז וואָס שטייט איר עפּעס הינטערן קאָנטער אין ווינקל?“

„ס׳הייסט,“ — מאַכט זי, — „איר מיינט, אַז איר זייט דער איינציגער נודניק, וואָס מאַטערט מיך? אַ גאַנצן פרימאָרגן באַדאַרף איך האַלטן אין איין ענטפערן: נישטאָ! סיגאַרעטס — נישטאָ! טשואינג־גאָם — נישטאָ! אייז־קרים — נישטאָ! מיין מאַן — נישטאָ!“

„וואו איז אייער מאַן? — ווער איך נייגעריג.

„ס׳הייסט,“ — זאָגט זי, — „מיין מאַן איז נישט קיין קלענערער נודניק פון אייך. איר מאַטערט מיך — און ער איז אוועק מאַטערן דעם האָלסיילער. ער מוז, זאָגט ער, קריגן אַ קעסטל סיגאַרעטס, ווען אפילו די וועלט זאָל זיך איבערקערן.“

פאַרשטייט איך דאָך שוין, אַז פון ריידן מיט איר וועל איך נישט האָבן וואָס צו פאַרציען, לאָז איך זיך אוועק אין דער קאַפעטעריע. אין דער קאַ־פעטעריע, באַדאַרפט איר פאַרשטיין, פיל איך זיך שוין ווי ביי זיך אין דער־היים. נישט נאָר סיגאַרעטס, נאָר אפילו סיגאַרן קריגט מען דאָרט. דאָרט, ווייס איך, וועל איך שוין טרעפן מיין אַלטן קאַסטומער, מיסטער ווייסל. דער מיסטער ווייסל איז אַ וואוילער מענטש — און אַ באַריידעוודיגער. איז אַבי איר זייט גרייט מיט אים צו זיצן און אים אויסהערן, וועט ער אייך אוועקגעבן ס׳לעצטע העמד. די ערשטע זאַך לייגט מיסטער ווייסל אוועק אַ גאַנץ פּעקל סיגאַרעטס מיט שוועבעלעך, רוקט־צו אַן אַש־טעצל — און עס צעוויקלט זיך אַ דעבאַטע ווי אַ רויך.

דאָסמאָל האָב איך, ווי שטענדיג, געטראָפן דעם מיסטער ווייסל אין דער קאַפעטעריע. ער איז, ווי שטענדיג, גרייט געווען אויף אַ דעבאַטע, נאָר אַנשטאָט ער זאָל, ווי זיין מנהג פלעגט זיין, אַוועקלייגן אַ פּעקל סיגאַרעטס, גיט ער גאָר מיך אַ פרעג:

„איר פאַרמאָגט אפשר אַ סיגאַרעט ביי זיך?“

וואָס זאָל איך זאָגן, איך האָב זיך אַזוי אָפּגעטומלט מיט אים אַ פּאָר שעה. מיר האָבן ביידע געבלאָזן אין דער לופטן די פּאַרע פון מויל, אָבער אַ סיגאַרעט האָב איך אָנגעזען בלויז אויף דעם גרויסן פּלאַקאַט אין פענצטער

פון אַ סיגאַרעט־פירמע, וואָס אונטן איז געשטאַנען אויפגעשריבן אויף אים:
„עס שטעלט צופרידן!"

אָבער איך בין שוין גאַרנישט געווען צופרידן.

איך בין אוועק ווייטער זוכן — און אַזוי גייענדיג, האָב איך דערהערט פון אַ זייט שמועסן, אַז אין אַ געוויסער גרויסער גראָסערי קאָן מען קריגן אַ פּעקל סיגאַרעטס מיט יעדן דאָלער, וואָס מען גיט דאָרט צו לייזן.

סוף־כל־סוף האָב איך זיך דערוואָרט אויף מיין ריי אין יענער גראָסערי. דער פאַרקויפער גיט מיך אַ פרעג:

„וואָס געבן?"

מיטן דאָלער פאַרשטייפט אין דער האַנט, בלייב איך שטיין אַ פריטש־מעליעטער:

„צוקער האָט איר? — פרעג איך אים מיט אַ ציטער אין דער שטימע.

„נניין!"

„פּוטער?"

„ניין!"

סטייק?"

„ניין!"

„האָט איר סוויט־קרים?"

„ניין!" — האָט דער פאַרקויפער זיין אײן ענטפער פאַר מיר.

„טאָ גיט מיר סעמאָן, סאַרדינען," — מאַך איך צו אים.

„האָט איר די „שפּיצן", ס'הייסט, די „פּאַינטס" מיט זיך?"

דאָס מאָל ענטפער איך שוין: — ניין!

„איז וואָס זאָל איך אייך געבן? — פרעגט דער פאַרקויפער אומגע־דולדיג, צוזעענדיג דעם „עק", וואָס וואַקסט הינטער מיר.

מיין בליק איז געפאַלן אויף אַ פּאָליצע, אויף וועלכער עס איז געווען אָנגעשטעלט אַ סך „טישע־פּייפּער".

„גיט מיר פאַר אַ טולער אָט־אָ־דאָס," — האָב איך אים אָנגעוויזן מיטן פינגער.

איך האָב אַ כאַפּ געטאָן דאָס פּעקל סחורה מיטן פּעקל סיגאַרעטס אַ צולאָג — און אַרויס, מלא־שמחה, אין גאַס, מיט דער פראַגע, וואָס ברענט הייגט אויף די ליפּן פון מאַן און פרוי:

— האָט איר אפשר אַ שוועבעלע???

אַ סיגאַרעט האָב איך שוין!

היטלער־טאַשן

(פען־שטיפעריי)

עס איז שוין געווען אזא מנהג ביי דער פאמיליע ברענמאן צו קומען אלע חנוכה פון שיקאגא צו דער מאמען אין בראָנזוויל אויף לאטקעס.

דער מאמעס לאטקעס האבן געהאט א שם נאך אין דער אלטער היים. אז די מאמע ברענמאן האט אויסגעפּאשעט א גענזעלע אויף חנוכה, איז דאס געווען — מלא־טעם: ווען די לאטקעס האבן זיך נאר א פרעגל געטאן אינ׳ם פעטס, זיינען זיי ממש געווארן גריוון...

איידער דער זון ברענמאן האט חתונה געהאט און זיך פארקליבן קיין שיקאגא, האט די פאמיליע אויסגענוצט אלע יום־טובים צו טרעפן זיך ביי דער מאמעס טיש, און אז זיי זיינען געקומען אפילו אין א פראסטן מיטוואך צו דער מאמען איז שוין אויך געווארן א יום־טוב. דער מאמעס מאכלים האבן פארשמעקט דאס הויז.

דעם אמת געזאגט, האט דאס ניט געדארפט זיין נאר לאטקעס מיט גריוון, וואס די מאמע ברענמאן האט געמאכט. אירע געפילטע פיש האבן געמאכט פון א מאנטאג — שבת, אירע בלינצעס — האבן אייך גלייך דערמאנט אן שבועות, אירע קרעפּלעך — האבן אייך אינמיטן ווינטער אריינגעזעצט אין סוכה, און אירע המן־טאשן — האבן אלע המנ׳ס געבראכט אויף דער תליה — און דעם יום־טוב אין הויז אריין.

נאר אז שלומ׳קע האט חתונה געהאט און איז אוועקגעפארן, די אנדערע קינדער אויסגעגעבן, איז די קורפערנע פאן מיט דער גרויסער אייזערנער סקאווארדע, וואס זי האט געבראכט נאך פון דער אלטער היים, געבליבן שטיין פאר׳יתומ׳ט — פארשעמט אין א ווינקל.

דערפאר איז טאקע געווען חנוכה דער אנגעלייגטער יום־טוב ביי דער מאמע ברענמאן. די גרויסע כלים האבן ביי איר ארויסגערופן א סך זכרונות פון דער שיינער פארגאנגענהייט. מיט יעדן קינד און אייניקל, וואס איז אריינגעקומען צו דער חנוכה־פארטי אין איר היים, פלעגט זי אויסרופן: — נאך א חנוכה־ליכטעלע איז געקומען, וואס ברענגט מיר אריין ליכט און פרייד אין הויז!

די טעג פון מלחמה האבן אביסל שווער געמאכט דעם געמיט פון דער מאמע ברענמאן. די פאמיליע צעוואָרפן, א טייל איבער ים׳ען, א טייל פאר־

גומען ביי פֿאַרשיידענער אַרבעט. איר איינציגע טרייסט איז געבליבן, וואָס שלומ'קע מיט דער פֿרוי און קינד וועלן, ווי אַלע מאָל, קומען אויף חנוכה.

זי האָט זיך אַביסל געערגערט, וואָס דאָס יאָר איז אַנדערש ווי אַלע יאָר. זי קאָן זיך ניט קויפֿן קיין גענדז און זיך פֿאַרגרייטן מיטן פֿעטס. נו, האָט זי זיך געטרייסט און ווי זיך פֿאַרענטפֿערט פֿאַר זיך אַליין: מיט מיינע לאַטקעס אויף פּוטער וועט מען זיך אויך ניט קאָנען פֿאַר'סמ'ען.

עס האָבן זיך דערנענטערט די טעג פֿון חנוכה. אָט, אָט קומט שוין דאָס ערשטע ליכטל. די מאַמע ברעגמאַן האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבער די קראָמען. זי דאַרף בולבעס, זי דאַרף פֿלייש, זי דאַרף מילך, פּוטער, זי דאַרף צוקער, — זי דאַרף און דאַרף.

און דאָ איז איר שווער זיך צו דערשלאָגן אין גראָסערי, אין בוטשער־סטאָר, ס'איז מלחמה.

זי האָט ערשט איצט דערפֿילט, וואָס עס הייסט אַנגרייטן שפּייז פֿאַר אַן אַרמיי... איר „אַרמיי" קינדער, איידעמס, שניר, אייניקלעך און גלאַט משפּחה, וועלכע קומען זיך זען מיט די ליבע געסט פֿון שיקאַגאָ.

די מאַמע ברעגמאַן האָט דערפֿילט, אַז איר שטענדיגער יום־טוב חנוכה ווערט איר צעשטערט. נו, טאַקע, וואָס פֿאַר אַ פּנים וועט דאָס האָבן? — ס'קומען געסט און מ'קאָן זיי ניט אויפֿנעמען. גיי גיב טיי אָן צוקער און מאַך אַ וועטשערע אָן פֿלייש, לאַטקעס אָן גריוון, קאַפֿע אָן סמעטענע. זי פֿאַרשטייט גראָד פֿונוואַנען עס נעמט זיך דער מאַנגל. אין אַ געוויסן זין ווערט זי גאָר צופֿרידן, וואָס מ'זאָרגט אַזוי פֿאַר די אַרמייען, דאָס הייסט דאָך אויך — פֿאַר אירע זין און אייניקלעך, כּדי זיי זאָלן האָבן אין דער אַרמיי גוטע זאַכן צום עסן.

פֿון דער צווייטער זייט, דרייט זיך איר דער קאָפּ. זי חשבונ'ט און רעכנט ווי אַ גוטע באַלעבאָסטע, וואָס זי זאָל טאָן: מיט וואָס וועט זי קאָנען פֿאַרבייטן אָט די אַלע מאכלים? און די קומען, און די קומען, און דער איז אויף אַ דייעט, און דער איז וועגעטאַריער, און איין אייניקל האָט ליב דאָס, און אַ צווייטער עפּעס אַנדערש.

די מאַמע ברעגמאַן איז אַריינגעקומען אין הויז פֿאַרצווייפֿלט, אויסגע־מאַטערט פֿון אַרומגיין איבער די קראָמען און קומען אָן דעם נויטיגן. זי האָט געגומען שליסן די טיר מיט אירע נערוועזע פֿינגער. נאָר מיטאַמאָל האָט זי דערזען אונטערן טיר אַ בריוו פֿון איר שלומ'קען. שלומ'קע אַנטי־שולדיגט זיך פֿאַר ברעכן דאָס מאָל די טראַדיציע, ער וועט ניט קומען. ס'איז

מלחמה, שווער צו קריגן א רעזערוואציע אויף דער באן, ווייל מ׳דארף די באנען פאר דער ארמיי געגן שונא.

זי האט געהאלטן דעם בריוו אין אירע ציטערדיגע הענט, געקוקט, גע־קוקט, און פלוצלינג אויסגעשריען פאר זיך אויפן קול: „א נס, א נס מן השמים, ארונטער א יאך פון קאפ...״

אין א בריוועלע האט די מאמע ברעגמאן גלייך געענטפערט די קינדער: איצט, קינדערלעך, וועט איר קומען צו מיר פורים, צום נייעם פורים, איבער דעם המן היטלער. און דאס זאג איך אייך צו, חוץ חנוכה־לאטקעס און פורים׳דיקע המן־טאשן, וועל איך אייך מאכן א נייעם מאכל — א זכר פון די געלע לאטעס — היטלער־לאטקעס און היטלער־טאשן. איר וועט דערפון, קינדערלעך, לעקן די פינגער.

גראָסערי ביזנעס

(אַ מאָנאָלאָג)

וואָס זאָגט איר, ס'איז נאָך פאַראַן אַ לעבן אויף דער וועלט? ביי מיר אין גראָסערי הויב איך ניט אָן צו וויסן. קיין ראַדיאָ האָב איך ניט, קיין צייטונג זע איך ניט — לעב איך מיר דאָ ווי אין אַ פּריוואַטן קאָנצענטראַציע־לאַגער...

די איינציגע זאַך, וואָס דערמאָנט מיך עפּעס יאָ אָן אַ וועלט מיט אַ שטיקל לעבן, איז דאָס, וואָס די ווייבער רייסן מיר די סחורה פון די הענט און איך — די שפּיצן, ס'הייסט די „קיופּאָנס" פון זייערע ביכלעך.

איך הער עפּעס יאָ אַמאָל אַ מורמל פון מיינע קאָסטומער, אַז מ'פירט אַ קאַמף צו באַפרייען די וועלט, אַ קאַמף פאַר פיר פרייהייטן, טראַכט איך מיר, צי מיינט מען ניט מיט די פיר פרייהייטן די גראָסערי־לייט, קענדי־סטאָר־קיפּערס, קלינינג־סטאָרס און פרוכט־סטאָרס? ווייל וואָס קאָן מיר טאָן גוטס אַ וועלט אָן נאַציזם, און אָן פאַנטשינג, אַז די גראָסערי בלייבט נאָך אַלץ אַ גראָסערי...

איך האָט דען אַ באַגריף וואָס עס הייסט פאַר אַ גראָסערימאַן אָט־אָ־די־אָ קאָסטומערקע, וואָס איר זעט דורכן פענצטער? ווען אָט־אָ־די ברייטע באַלע־באָסטע גיט אַ קום אַריין אין גראָסערי מיט אירע פיר בנים און זי גיט זיך אַ שטעל אוועק ביים קאָנטער ווי אַ כינעזישע וואַנט און זיי, די בנים, צעלאָזן זיך איבער מיין קרעמל ווי די אינספּעקטאָרלעך, איז וואו אַ באָקס קרעקערס, קענדי, ניס — אַלץ, וואָס איז נאָר אָפן און קאָן אַריין אין די קלאָשעס פון זייערע הייזלעך, ווערט דאָס דאָרט איינגעזונקען... איך זאָג אייך, מ'קאָן ווערן בדיל־הדל. אָבער וואָס, מיינט איר, טו איך? גיב איך מיר אַ שטעל אוועק מיין ווייב ווי אַ באַריקאַדע — און נעם צושרייבן אין בוך נייע חובות. זיי גנב'ענען און איך — איך שרייב...

איז מילא, מיט די קליינע גנבים גיט מען זיך אָן עצה, אָבער גאַנץ אַנדערש איז שוין מיט די גרויסע, ס'הייסט מיט די האָלסעילערס. זיי קאָנט איר שוין ניט צושרייבן, ווייל זיי שרייבן גאָר אייך צו און פאַרדרייען אייך אַזוי דעם קאָפּ, אַז פאַר זיי דאַרפט איר האָבן אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער, ניט פון אַ גראָסערימאַן...

דער סוף איז, ס'מוז ווידער אויסגיין צום קאָסטומערס קאָפּ און צו זיין

בלעטל אין בוך. נאָר אזוי ווי דער קאָסטומער איז דאָך אַלעמאָל גערעכט... מאַכט מען — אַ פּעני אַרויף, אַ פּעני אַראָפּ און — מ׳רעכנט צו נאָך צוויי סענט...

איר וואונדערט זיך, וואָס איר זעט מיך היינט אָן אַ פּאַרטוך? ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך היינט געהאַט אַ האַלבן טאָג „אָף", אַ שטיקל וואַקאַציע. עס איז געשטאָרבן מיינער אַ לאַנדסמאַן, ט׳מען מיר געשריבן פון מיין סאָסייעטי, אַז פאַר ניט קומען צו דער לויה וועט זיין צען דאָלער שטראָף. טראַכט איך ביי זיך, אַז פון 10 אַזייגער ביז 2 וועל איך דאָך אין מיין גראָסערי קיין צענערל ניט פאַרדינען, נו, וועל איך גלייכער גיין צו דער לויה. ערשטנס, אָפּצוגעבן דעם טויטן אביסל כבוד, און צווייטנס, וועל איך האָבן אביסל „פּלעזשור", וועל זיך זען מיט אַ לאַנדסמאַן, וועל זיין אויף דער גאַס. ווארום טאַקע, ווען קאָן זיך גאָר אַ גראָסערימאַן חלומ׳ען צו טראָגן ריינע הויזן, אַ שניפּסל, פאָרן מיט אַ טעקסי? — טאַקע נאָר ביי אַ חתונה אָדער, חלילה, אַ לויה.

וואָס־זשע זאָל איך אייך זאָגן? איך האָב טאַקע זייער פיין פאַרבראַכט. איך האָב דערזען פאַר זיך אַ נייע וועלט... האָב געטראָפן אַ סך לאַנדסלייט געהערט אַ חזן, אויסגעווישט זיך אַ טרער און על כולם זיך געטראָפן מיט אַ האָלסיילער, האָט ער מיר צוגעזאָגט, אַז אין עת־צרה, קאָן ער מיר געבן פון זיין האָלסייל־סטאָר אַלץ וואָס מיר פעלט־אויס אין מיין גראָסערי...

איך זאָג אייך, איך וועל דעם האַלבן טאָג וואַקאַציע האָבן צו געדענקען...

וואָס זאָגט איר: הלואי אַלע וואָך אַ האַלבן טאָג „אָף"... איז דאָך גוט, טויג ווידער ניט. אָט בין איך געקומען — דאַרף איך גלייך אַרויפוואַרפן אויף זיך דעם כאָמעט מיינעם, דעם פאַרטוך, און זיך נעמען אַרבעטן פאַר דריי. ערשט איצט האָב איך די אמת׳ע לויה — טראָגן די קאַסטנס מילך, די ליידיגע סאָדע־פלעשלעך, אַרונטערטראָגן די זעקלעך קוילן, — אָט ווי איר זעט, פעלט מיר שוין אוים באָקעם מיין גאַנצער פּלעזשור...

פאַראַן מענטשן, וואָס זיינען מקנא דעם גראָסערימאַן, קוקן אויף אים מיט גרויסע אויגן: ס׳הייסט, דער גראָסערימאַן האָט דאָך שטענדיג וואָס צו עסן. עס פעלט זיי אָבער ניט איין אַז — ער האָט ניט װ ע ן צו עסן...

איז וואָס זאָגט איר, געבן אייך צוויי ניקלס פאַר אַ דאַים? נו, אַ דאַנק דערפאַר, אבי איר בעט ניט קיין דריי...

יובילײ־מתנות

(אַ פּענשטיפּערײ)

איך װינטש אַלע ליטישע מענטשן צו דערלעבן אַ הונדערטער און מער. איך װינטש אַלע גליקלעך־פּאַרהײראַטע צו דערלעבן אַ זילבערנע חתונה, אַ גאָלדענע און אפילו אַ בריליאַנטענע חתונה. אָבער מאַכן אַ געבורטסטאָג־פּאַרטי אָדער „פּײַערן אַ יובילײ", װי „גרױסע מענטשן" רופן דאָס אָן, ראַט איך קײנעם ניט.

אױב איר װילט זיך ניט רעכענען מיט מײַן מײנונג, טאָ זײַט מוחל און גײט אַ פרעג בײַ דעם מיסטער זאַנגפעלד.

מיסטער זאַנגפעלד איז אַ װאָװילער, אַ פײַנער מענטש, און מ׳זאָגט — אױך אַ גלאַטער שרײַבער. אָבער — אַלע זײַנע יאָרן האָט ער פון זײַן שאַפן ניט קײן כבוד און ניט קײן געלט. װען ער האָט אָבער דערלעבט אַלט צו װערן אַ פופציגער, האָט זײַן פאַמיליע באַשלאָסן צו פּײַערן זײַן 50־טן געבורטסטאָג. זײער רעכענענג איז געװען, אַנשטאָט אים צו געבן אַ מתנה אין קעש, װעלן זײ בעסער אים מאַכן אַ שײנעם יום־טוב, אײַנלאַדן פרײַנט און באַקאַנטע און עס װעט זײַן חי — געלעבט. ערשטנס, װעט מיסטער זאַנגפעלד קריגן די פאַרדינטע פּאַרציע כבוד; צװײטנס, װעלן טאַקע די פרײַנט און באַקאַנטע אים געבן מתנות, װאָס ער װעט האָבן צו געדענקען.

אַזױ איז טאַקע געװען. עס איז געװען אַ גאַר לעבעדיגער יום־טוב. און װען די אַראַנזשירער האָבן דערזען אַזױפיל פרײַנט מיט פּעקלעך מתנות, האָבן זײ זיך איבערגעװאָונקען פול מיט באַגײסטערונג: „עס האָט זיך געלױנט די מי." מיט אמת׳ער פרײַנטשאַפט האָבן זײ געקלאַפּט אין פּלײצע מיסטער זאַנגפעלדן: „טראָגט געזונט", „פאַרנוצט געזונט", „איר האָט דאָס כשר פאַרדינט!".

מיסטער זאַנגפעלד איז געקומען אַהײם איבערגעלאָדן מיט פרײד און פּעקלעך, מיט ציטערדיקע הענט האָט ער זיך גענומען זײ צו עפענען.

פון אײן קעסטל האָט ער אַרױסגענומען פיר העמדער, שײנע, זײַדענע העמדער, נאָר — די העמדער זײַנען געװען סײַז 16, און ער, מיסטער זאַנגפעלד, טראָגט גאָר אַ פערצענער סײַז . . .

אין אַ צװײט פּעקעלע האָט ער געפונען אַ טײַערע ליולקע. ער האָט דאָס באַטראַכט, נאָר מורא געהאַט אַרײַנצונעמען צװישן די ליפּן, װײַל —

ניט נאָר רויכערט ניט מיסטער זאַנגפעלד, ער קאָן אפילו ניט פאַרנעמען דאָס וואָס עמיצער אַנדערש רויכערט...

אין אַ לאַנג קעסטעלע האָט ער געפונען אַ שניפּס. נאָר ער האָט זיך גלייך געכאַפּט, אַז אַזאַ שניפּס האָט ער גראָד אויף זיך. ער האָט דאָס אַליין געקויפט פאַר קעש, ניין און דרייסיג סענט, אַנצוטאָן לכבוד דעם יום־טוב...

פון אַ גאָר פיין פאַרבונדן פּעקל האָט ער אויפגעבונדן און אַרויסגע־נומען אַ נייעם פראַנצויזישן ראָמאַן, איבערזעצט פון שפּאַניש, וועגן דעם לעבן אין גריכנלאַנד. און ער, מיסטער זאַנגפעלד, איז אַ אידישיסט, טאַקע נאָר דערפאַר וואָס מער ווי אידיש לייענט ער ניט...

גאָר נערוועז איז ער געוואָרן, ווען ער האָט גענומען אויפבינדן אַ גרויס פּעקל און אַרויסגעשלעפּט אַ גאַנצע פרויען־גאַרדעראָבע פון בלוזקעס און קליידלעך, דזשעקעטלעך און פרויען־זאַכן. ווען ער איז צו זיך געקומען, האָט ער זיך היסטעריש צעלאַכט און צו זיך אַליין געשריען: גוואַלד, אָבער איך האָב דאָך גאָר קיין ווייב ניט, איך בין דאָך גאָרניט פאַרהייראַט...

איצט העלפט מיסטער זאַנגפעלד צו מאַכען יובילייאומס פאַר זיינע פריינט. און וואו ער קאָן, שטופּט ער אריין איינע פון זיינע מתנות, וואָס זיינען פאַר אים צו־גרויס אָדער צו־קליין...

און ווען מ׳פרעגט מיסטער זאַנגפעלדן, וואָס טויגן אַזעלכענע זאַכן, פון וועלכע מ׳קאָן קיין נוץ ניט מאַכן? ענטפערט ער קורץ און שאַרף: ס׳איז אָבער ווי געוואונטשן צו געבן אַ מתנה אַ פריינט...

איינינקייט

(איינאַקטער)

פערזאָנען:

ישראל — מיטל־יאָריגער איד מיט א הדרת־פּנים, טראָגט שיינע באָרד, פּענסנע. רעדט מיט ווערדע. א פּליכטלינג.

שרה — זיין פרוי, בכובוד'יגע באַלעבאָסטע.

זייערע דריי קינדער:

משה — ארום 30 יאָר אַלט. א באוואוסטזיניגער בחור.

רייטשל — ארום 28 יאָר אַלט. א אידישיסטקע.

יאַנקל — 25 יאָר אַלט. וויל גיך פארגעסן זיין אידישקייט.

א מיטנוואָכיגער נאָכמיטאָג. עס זעט זיך אָן, אז די פאמיליע האָט זיך נאָר־וואָס אריינגעקליבן, אין דעם הויפּט־צימער. אויפן דיל זיינען אָנגעוואָרפן קליידער, קעסטלעך מיט ביכער, בילדער, פארשיידענע כלים, גלאָזוואַרג. שרה קומט אריין מיט אירע דריי קינדער הינטער איר, טראָגט אין האַנט צוויי פּעקלעך — ברויט און זאַלץ. שטעלט אוועק די פּעקלעך אויפן טיש. די קינדער בלייבן שטיין א ווײַלע, באטראַכטן אַלע ווינקעלעך אין צימער.

שרה (מיט מאַמעשער צערטלעכקייט): — קינדערלעך, מיט זיינען איצט אריינגעקומען אין אונזער נייער היים מיט ברויט און זאַלץ. א סך טעג האָט דאָס אונז געפעלט, א סך נעכט ניט געהאַט א דאַך איבערן קאָפּ. אפשר וועט אָט דאָ זיין אונזער מקום־מנוחה, מיר זאָלן ניט וויסן מער פון וואנדערן און וואָגלען. משה, רייטשעל, יאַנקל, אָן אייך ווענדט זיך עס, אז די היים זאָל זיין גאַנץ, עס זאָל זיין שלום־בית, אז אייער טאַטע־מאַמע און איר, קינדערלעך, זאָלט געניסן אביסל זון־ליכט פאַר די אַלע פינצטערע יאָרן, וואָס מיר האָבן געהאַט. (זי צעקושט זיך מיט אַלע דריי קינדער.)

משה: — מאַמע, זאָל דיר און פּאַפּאַ זיין מיט גליק אין אונזער נייער היים.

רייטשל (באגייסטערט): — מאַמע, איך וויל איינלאַדן אַלע מיינע פריינט צו א חנוכת־הבית.

יאַנקל: — מאַמע, לאָמיר עסן ...! לאָמיר! — מאַמע, לאָטס אָוו לאָק!

ש ר ה (צופרידן): — מיר פּאַר אייך, קינדערלעך. (טראַכט אַ ווײַלע) איצט הערט זיך איין, קינדערלעך. מיר האָבן אַ סך אַרבעט: אויספּאַקן די כלים, וואַשן די פענצטער, צעשטעלן די ביכער, צעהענגען די בילדער. (מיט באַגייסטערונג) לאָמיר זיך טאַקע נעמען צו דער אַרבעט, אַז ווען דער טאַטע וועט קומען פון גאַס זאָל ער אונז טרעפן אין אַ שיינער, זיסער היים. (ווענדט זיך צו רייטשעלען) דו, טײַערינקע, נעם זיך אויסוואַשן אין שלאָף־צימער די פענצטער.

ר ײ ט ש ל: — גוט, מאַמעלע. (כאַפּט אַ קענדל רייניגונג־פּודער מיט אַ שמאַטע און לויפט אַרײַן אין אַ צווייטן צימער.)

ש ר ה (צו משה'ן): — דו, זײַ אַזוי גוט, פּאַק אויס אין צווייטן צימער די קליידער און צעהענג זיי אין שאַפע.

מ ש ה: — מאַמע, זאָרג זיך ניט, אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג. (נעמט אַ פּאַק מיט קליידער און גייט אין אַ צווייטן צימער.)

ש ר ה (צו יאַנקלען): — און דו, קינד מײַנס, גיי קויף עפּעס איין אויף וועטשערע. ווען דער טאַטע וועט קומען, זאָל זײַן וואָס צו עסן, און איידער דו וועסט אַרויפקומען, וועלן שוין די שויבן אין בוך־שראַנק זײַן אויסגעוואַשן און דו וועסט קאָנען אויסשטעלן די ביכער און אויפהענגען די בילדער.

י אַ נ ק ל: — עסן אַרויפנעמען, מאַמעלע, עני טאַים. איך בין טאַקע שוין אַביסעלע הונגעריג.

(שרה דערלאַנגט אים אַ פּאַפּירענעם שקאַרמען. ער גייט אַרונטער אין גאַס.)

ש ר ה (כאַפּט אַ קוק אין איין צימער און אין אַ צווייטן): — זאָלן זיי נאָר געזונט זײַן, מײַנע טײַערע קינדער. (צו זיך) דאַכט זיך, יעדערער פון זיי האָט טאַקע אַן אַנדער כאַראַקטער, אַן אַנדער טעמפּעראַמענט, יעדערער קוקט מיט אַנדערע אויגן אויפן לעבן, זיי זײַנען אָבער ברידער און שוועסטער, יאָרן זאָלן זיי האָבן. (ווישט אָפּ אַ טרער פון אויג, טוט אָן אַ פאַרטוך, נעמט אַ האַנטוך און פּוצט די שויב אין בוך־שראַנק.)

ר ײ ט ש ל: (רוקט אַרײַן דעם קאָפּ פון זײַט טיר: — מאַמע, די אַרבעט גייט ווי געשמירט. (כאַפּט אַוועק שטיפעריש דעם קאָפּ.)

ש ר ה: — גוט, טעכטערל, זאָל דער טאַטע געפינען אַלץ פאַרטיג.

(עס דערהערט זיך רייטשלס שטימע. זי זינגט אַ אידיש־נאַציאָנאַל ליד. מיטאַמאָל דערהערט זיך פון צווייטן צימער משה'ס קול. ער זינגט אַ קאַמפס־ליד. ביידע שטימעס גיסן זיך צונויף. יאַנקל באַווייזט זיך מיט אַ פּעקל שפּייז.

ער גיט דאָס אַ לייג אויפן טיש און מישט זיך גלייך אריין מיט אַן אריע־גענאַנג.)

שרה (פאַרמאַכט זיך די אויערן): — געוואַלד, וואָס איז דאָ פאַר אַ קאַצניאַמער? קינדער? ! געזאַנג איז גוט, אָבער עס דאַרף האַרמאָנירן, פאַראייניגטערהייט.

(אַלע דריי קינדער לויפן זיך צוזאַמען אין צימער, פּרוּאוון איבערשרייען איינער דעם אַנדערן. די מאַמע שרה לויפט־צו, פאַרמאַכט זיי די מיילער, שטופּט־אַרויס משה'ן און רייטשלען אין די אַנדערע צימערן.)

יאַנקל (דריקט־צו די מאַמע צו זיך): — איז וואָס טאָן איצט, מאַמעלע?

שרה: — די שויבן אין בוך־שראַנק זיינען שוין ריין, נעם און שטעל־אויס די ביכער. (זי נעמט זיך אַרומווישן די בילדער.)

יאַנקל (נעמט־אַרויס ביכער פון קעסטל, מישט און קוקט אין זיי אַריין): — דאָס בוך גייט אין שראַנק (לייגט אַריין דאָס בוך) און דאָס וועט גיין אויף דער פּאָליצע (גיט עס אַ וואָרף אַריין אין אַ ליידיגן קעסטל).

שרה (מיט ליבשאַפט): — יאַנקעלע, איך מיין, דזשעסי, ביכער אין אַ שראַנק זיינען ווי קינדער אין אַ הויז, מ'טאָר זיי ניט אָפּזונדערן. איינער האָט ליב יאַנקעלען, און אַ צווייטער האָט ליב משה'לען, און אַ דריטע קאָן ליב־האָבן רייטשלען, אָבער טאַטע־מאַמע האָבן ליב אַלע קינדערלעך ... (כאַפּט אַ קוק אויף די ביכער, וועלכע ער וואַרפט.)

יאַנקל (מיט כעס): — איך האָב שוין גענוג געליטן פון די אידישע ביכער און פון דער אידישער שפּראַך. איך וויל ניט, אַז ווען מיינע חברים קומען אַריין אין הויז, זאָלן זיי זעען אידישע ביכער. איך בין אין אַמעריקע, מוזן מיר ווערן אַמעריקאַנער אין שפּראַך און אין האַנדלונג. און אויב איך קען נאָך ניט גוט די שפּראַך, וועל איך זיך אויסלערנען.

שרה (פיינלעך): — קינדעלע מיינס, טאַקע דערפאַר ווייל מיר האָבן אַזויפיל געליטן, דאַרפן מיר פאַרטיידיגן אונזער וואָרט. אַלע שפּראַכן זיינען אונז ליב, אָבער די מאַמע־שפּראַך מוזן מיר אָפּהיטן, זי טאָר ביי אונז ניט טריף ווערן!

יאַנקל (קלייבט ווידער די ביכער, איינס אין שראַנק און איינס אין קעסטל): — יאָ, מאַמע, דיר דאַכט זיך, אַז אין אַ פרעמדער וועלט וועלן מיר אַלע שטענדיג זיין פרעמדע. מיר קאָנען אָבער דאָ ווערן אייגענע. מיר

מוזן זיך צוזאמענשמעלצן, מ׳זאָל אונז ניט דערקענען. דאַן וועט מען אונז ניט שטעכן די אויגן.

שרה: — וואָס וועל איך זיך מיט דיר אויס׳טענה׳ן. נעם בעסער, יאַנקעלע, איך מיין, דזשעסי, מאַך עס גיכער. הענג־אויס די בילדער, אַז ווען דער טאַטע וועט אַריינקומען, זאָל ער טרעפן אונזער נייע היים ריין, שיין און געשמאַק.

(שרה נעמט פונדער, אַ שמאַטע און גייט אַריין אין צווייטן צימער צו די אַנדערע קינדער.)

יאַנקל (נעמט אַ בילד אין האַנט): — דער זיידע וועט הענגען אין קיך (שטעלט דאָס אוועק אַן אַ זייט), שלום־עליכם און פּרץ (סאַרקאַרסטיש) זיינען גוט פאַרן אידישן סענטער (שטעלט אוועק אַן אַ זייט), לינקאָלן וועט הענגען דאָ (הענגט־אויף אויף דער וואַנט), וואַשינגטאָן דאָ (הענגט־אויף אויף דער צווייטער זייט), און דאָ (ווייזט אויף אַ פּלאַץ) דאַרף מען קריגן אַ מואווי סטאַר. און דאָ? ווייזט אויפן שראַנק און טראַכט אַ ווײַלע) מאַמע, (ווענדעט זיך אין צווייטן צימער) וואו געפינט זיך רוזוועלטס סטאַטוע?

(עס קומען אַריין די מאַמע, שרה, משה און רייטשל. די מאַמע האַלט אין האַנט אַ לעפל און ווישט. רייטשל כאַפּט אַ קוק אויף דער וואַנט און משה — אין בוך־שראַנק.)

רייטשל (אויפגערעגט): — ווער האָט דאָס אזוי צעהאַנגען די בילדער? דו, יאַנקעלע?

יאַנקל: — איך האָב דיר געזאָגט הונדערט מאָל, אַז איך רוף זיך מער ניט יאַנקעלע. (באַטאָנט) דזשעסי רופט מען מיך, דזשעסי.

רייטשל (בייז): — דזשעסי, פּתי, שוטה, אָבער וואו זיינען די בילדער פון די אידישע שרייבער, קינסטלער? און וואו איז דער זיידע?

יאַנקל (חוצפה׳דיג): — האָסט זיי ליב? דו ווילסט זיי? הענג זיי אויף איבער דיין בעט, אָבער ניט דאָ. אָט האָסטו זיי (ווייזט־אָן וואו זיי שטייען).

משה (כאַפּט אַ קוק צו די בילדער און דערזעט די אָנגעוואָרפענע ביכער אין קעסטל): — וואָס איז דאָס? ווער האָט דאָס אָנגעוואָרפן דאָ אין קאַסטן די אַלע ווערק?

שרה (פאַרלאָרן): — קינדערלעך, מיר האָבן נאָך דאָ ניט באַוויזן דעם קאָפּ אוועקצולייגן — און שוין רייסט איר זיך אַרום.

משה (בייז): — מאַמע, איך וועל ניט לאָזן פאַרשוועכן קיין ווערק

פון וועלכע שרייבער און אין וועלכער שפראך זיי זאלן ניט זיין, אזוי לאנג ווי זיי דינען דער פראגרעסיווער וועלט.

רייטשל (זוכט צווישן די ביכער אין קעסטל. גיט א כאפ א בוך אין האנט): — אויב דו קענסט ארויסווארפן דאס בוך פון שראנק, דאן וועלן אלע דיינע ביכער פליען דורכן פענצטער. כאפט ארויס א בוך פון שראנק און וויל ארויסווארפן.)

משה (האלט זי צוריק): — נאך קנאפ איז איין נאר אין הויז, ווילסטו מאכן צוויי...

שרה (אויפגערעגט): — קינדער, זענט איר משוגע, חלילה? וואס טוט זיך מיט אייך?

משה (ווייזט אויף דער וואנט): — אלע בילדער זיינען מחותנים אויף דער וואנט. משה רבינו׳ס ווארט האט געהייסן פרייהייט פאר די אידן. לינקאלנס ווארט האט געהייסן פרייהייט פאר די נעגערס. און קארל מארקסעס ווארט — באדייט פרייהייט פאר דער וועלט. און אלע דריי מעגן באצירן א וואנט אין א הויז!

יאנקל (שפרינגט־אויף): — דו ווילסט קארל מארקסן? טראג אים מיט זיך. הענג אים אויף אויפן האלז.

רייטשל (לויפט־צו, פרואווט ארונטערכאפן א בילד פון וואנט): — דא איז דער פלאץ פארן בילד „דער גלות־איד", און דא — — — — — — —

(יאנקל לויפט־צו, ניט צו לאזן איר. משה פרואווט זיי פאנאנדעררייסן.)

שרה (ברעכט זיך די הענט): — קינדער, נאך אזויפיל ליידן און וואנדערן, — פריער האבן די רוצחים געריסן פון די ווענט, און איצט — טוט איר דאס?

רייטשל (רייסט ווידער דאס בילד): — דא וועט הענגען — — — —

יאנקל: — דא וועט ניט הענגען — — —

(עס עפנט זיך די טיר. דער טאטע ישראל קומט אריין. אלע ארום ווערט שטיל. יאנקל בלייבט שטיין ווי פארלארן. ישראל טוט לאנגזאם אויס דעם מאנטל און קאפעלוש, בלייבט שטיין א ווילע אין א פארלעגנהייט.)

ישראל: — וואס קומט דא פאר?

(אלע שווייגן, קוקן מיט רעספעקט צום טאטן.)

שרה (וויל אוועקמאכן מיט דער האנט): — גארניט, גארניט.

ישראל צו די קינדער): — וואס שטייט איר אלע ווי פאר׳משפט׳ע? וואס איז געשען?

(יאנקל גראַבט־איין דאָס פּנים אין די הענט.)

שרה: — ס'איז גאָרניט געשען, ס'איז די אַלטע געשיכטע, מ'קאָן זיך ניט איינטיילן מיט די גרענעצן...

משה: — ניין, מאַמע, ס'איז ניט קיין קאַמף פאַר גרענעצן, ס'איז דער קאַמף פאַר גלייכהייט, אָפּצושאַפן די גרענעצן.

שרה: — יע, נו, (פּרובירט מאַכן צו גאָרנישט) יאַנקל וויל אויפ־הענגען זיינע בילדער און אריינשטעלן זיינע ביכער אין שראַנק, רייטשל וויל נאָר אירע, און משה וויל אַלעמענס — נו, איז אַ נייע מלחמה, אַ מלחמה.

ישראל (איבערטראַכטנדיג): — קינדערלעך, איר קאָנט דאָס רופן קריגס־דערקלערונג, אָבער ביי מיר איז דאָס בלויז אַ וואָרנונג, און איר וועט זיך דאַרפן צוהערן, ניט ווייל איך בין דער טאַטע, ניט צוליב מיינע גרויע האָר, נאָר ווייל איך האָב דערפאַרונג, האָב געגוג דורכגעמאַכט. (טראַכט אַ ווײַלע) הערט זיך צו, קינדערלעך. (נעמט אַ שטול) רוקט זיך צו, זעצט זיך אַוועק. (אַלע זעצן זיך, חוץ יאַנקל. זיי קוקן דעם טאַטן אין די אויגן אריין) הערט, קינדערלעך, עס איז אַזוי נאַטירלעך, אַז מענטשן זאָלן האָבן פאַרשיידענע מיינונגען. עס איז אָבער גאָרניט נאַטירלעך, אַז אַ מענטש זאָל זיך וועלן אויסטאָן פון זיין הויט... (ווענדט זיך צו דער פרוי) שרה'לע, איך וויים, אַז אונזערע קינדער, ווי אַלע קינדער, ווי אַלע מענטשן, האָבן באַזונדערע בליקן אויפן לעבן. מענטשן האָבן אַ רעכט צו דענקען אַנדערש. אָבער איין זאַך וויל איך... הער, יאַנקעלע, מעגסט דאָס הערן. מיר זיינען אידן! מיר געהערן דעם אידישן פאָלק. איך וועל מיין נאָז און מיין באָדד ניט פאַרשליסן אין שאַפע. מיט שטאָלץ קאָנען מיר ווייזן די אידן־פּרעסער, אַז די אידן האָבן אַ פּנים. איר זעט פיר ווענט, דאָס זיינען די ארבע פּינות העולם. און פּונקט ווי דאָ, אין דערהיים, אויף די פיר ווענט באַדאַרף זיין פּלאַץ פאַר בילדער פון אַלע פעלקער און אַלע לשונות, בילדער פון גרויסע מענטשן, וואָס האָבן געדינט די אינטערעסן פון דער מענטשהייט, אַזוי מוזן מיר קעמפן פאַר אַ פּלאַץ אין דער וועלט. פּונקט ווי דאָ אין שראַנק מיט ביכער קאָנען זיך טוליען ביכער פון שלום־עליכם און מאַקסים גאָרקי, פון וואָלט וויטמאַן און אַלגין, פון לינקאָלן און לענין, אַזוי קאָנען לעבן פרידלעך מענטש און מענטש אין דער גרויסער וועלט.

(יאַנקל צעוויינט זיך. די מאַמע שרה ווישט זיך אַ טרער. ישראל שטעלט זיך אויף, גלעט יאַנקלען איבערן קאָפּ.)

ישראל: — קינדערלעך, אייניגקייט איז דער געבאָט פון טאָג. די

נאַצים, די פאַשיסטן, די אַנטיסעמיטן, — זיי זאָלן הענגען אויף שטריק. אָבער די בויער, די שעפער פון אַ שענערער וועלט, זאָלן באַצירן אונזער נייע היים. אַלע בילדער אויף די ווענט, אַלע ביכער אין שראַנק. דער וואָס שאַפט אַ געטאָ פאַר ביכער און בילדער, דער העלפט די שונאים שאַפן געטאָס פאַר די שוואַכע פעלקער.

מ ש ה : — טאַטע — — — —

י ש ר א ל : — פריער פאַר אַלץ צו דער אַרבעט. משה, רייטשל, יאַנקל, נו.

ש ר ה (מיט ליבשאַפט) : — נו, קינדערלעך, פאַרענדיגט, וועלן מיר גיין עסן.

(ישראל פאַטשט זיי ליבלעך איבער דער פּלייצע, פירט צו יאַנקלען צו די ביכער. יאַנקל נעמט ניט־ווילנדיג אַריינשטעלן די ביכער אין שראַנק. משה און רייטשל נעמען זיך אויפהענגען די בילדער.)

י ש ר א ל (צופרידן) : — אַט אַזוי, קינדערלעך. מיר האָבן גענוג געליטן פון די נאַצים. גאַנצקייט אין דער פאַמיליע וועט ברענגען גאַנצקייט איבער דער וועלט.

ש ר ה (שפּרייט־אויס אַ טישטוך אויפן טיש, שטעלט אַוועק דאָס ברויט און זאַלץ) : — ישראל, אַט האָבן מיר ברויט און זאַלץ אין אונזער נייער היים.

י ש ר א ל (טייטלט אויף די דריי קינדער) : — יאָ, ברויט, זאַלץ און פרידן!

(פאָרהאַנג)

אויף וואַקאַציע

(אַ סצענע אין אַ קאַונטרי־פּלאַץ)

פּערזאָנען:

משה פּיינטוש — אַ פּרעסער ביים פאַך, טראָגט אַ קורץ־געשוירן בערדל.

קיילע — זיין פרוי, אַ שווער־לייביגע אידענע.

חיים פּייפל — אַ פינישער ביים פאַך, ארבעט מיט משה'ן אין איין שאַפּ.

כאַשע — זיין פרוי, אַ דאַרע אידענע.

רב מאָטשע — אַן עלטערער איד, מיט אַ יאַרמעלקע אויפן קאָפּ.

אין אַ זוניגן נאָכמיטאָג, אין אַ קאַונטרי־פּלאַץ אויף דער וואַראַנדע. עס שטייען צוויי טישלעך מיט עטלעכע שטולן אַרומגעשטעלט. דער אַלטער רב מאָטשע זיצט לעבן טיר אויף אַ וויג־שטול מיט אַ צייטונג אין האַנט, זינגט פאַר זיך „אויפן ים ווייעט אַ ווינטעלע".

רב מאָטשע (קוקט אין דער צייטונג און ווערט אין כעס): — מיינע שונאים זאָלן אַזוי לעבן ווי דאָס איז מעגלעך. די פּעיפּערס שרייבן דעם אמת, ווי ס'איז אמת וואָס דער האָטעל־קיפּער האָט מיר אַלץ געשריבן וועגן זיין האָטעל. (קוקט ווידער אין דער צייטונג און לייענט) הערט אַ געשיכטע, אַ פרוי פון 21 יאָר איז געלעגן געוואָרן מיט פיר קינדער, און די אַלע פיר זיינען אַ „זיבעלע", ס'הייסט זיבן חדשים ווי זי איז פאַרהייראַט. נו, איך וואָלט שווערן, אַז זי האָט זיי ניט געהאַט צו־פרי, נאָר, מסתמא האָט זי צושפּעט חתונה געהאַט... כאַ־כאַ־כאַ.

כאַשע (קומט אַרויס פון טיר, האַלטנדיק אין האַנט אַ טעשל קאַרטן, טאַשנדיג פאַר זיך אַליין): — וואָס לאַכט איר אַזוי געשמאַק, רב מאָטשע? אייך האָט זיך עפּעס גע'חלומ'ט?

רב מאָטשע: — ניין, מיר חלומ'ט זיך שוין מער ניט. איך לאַך דאָ פון דעם פּעיפּער. איך לייען און זע, אַז דאָס איז כלו בלאָף.

כאַשע: — ס'איז אַללאַראַיט, עס זיינען נאָך פאַראַן גענוג פּעיפּערס, וואָס שרייבן אַמאָל דעם אמת אויך.

רב מאָטשע: — נו יע, צייטונגען זיינען אַזוי ווי קאָרטן. עס ווענדט זיך ווי ווער עס טאַשט זיי...

כאשע: — איר האָט געזאָגט אַ קלוגע זאַך. איך זאָל אַזוי לעבן ווי ס'איז אמת. איך האָב נעכטן געשפּילט מיט דער גראָבער, די מיסעס קיילי פּיינטוש. ווען איך לאָז איר כסדר „דילן", וואָלט איך פאַרלוירן, איר זאָלט מיר מוחל זיין, די פּאָדעוועס, און דאָס האָט נאָך די חוצפּה צו דערציילן, אַז איר מאַן האָט אַ רייכן געשעפט מיט אַן איינגענעם „טשו־טאַבעקאַ".

רב מאָטשע: — וואָס?

כאשע: — אַזאַ מאַשין, אַזאַ אויטאָמאָביל.

רב מאָטשע (צעלאַכט זיך): — זאָגט־זשע אַזוי.

כאשע: — איר האָט נאָך ניט געזען אַזאַ אידענע, אַז זי גיט זיך אַ רוק־צו צו דעם אויוון, איז שוין אַ בראַך צו אַלעמענס טעפּלעך, וואָרום זי קאָכט דען אין אַ טאָפּ? דאָס איז דאָך אַ סאָלדאַטסקער קעסל. ווי זי קומט־צו, גיט זי גלייך אַ שאַר אַוועק אַלעמענס טעפּלעך און פאַרכאַפּט די הייסע לאָך אויפן אויוון, און דערצו האָט דאָס נאָך אַ טבע מיט איר פליישיגן קאָכלעפל אַ מיש צו געבן ביי יענעם אין די מילכיגס, צו זען, וואָס דאָרט טוט זיך. גלויבט מיר, רב מאָטשע, זי קאָן ביי יענעם אַרויס'גנב'ענען אַ באָקצאָן און יענער זאָל דאָס גאָרנישט פילן...

(עס דערהערט זיך פון הינטער דער טיר אַ רופן פון אַ גראָבער שטימע: כאַשע פּייפל, כאַשע פּייפל, עס קאָכט זיך שוין ביי אייך! כאַשע פּייפל לאָזט זיך צום טיר, עס קומט איר אַן אַנטקעגן קיילע.)

קיילע: — גייט, עס לויפט שוין.

כאשע: — און אַז עס לויפט, דאַרף מען שרייען. (אָפּ.)

קיילע (צו רב מאָטשען): — נו, וואָס מאַכט איר עפּעס?

רב מאָטשע (זינגט זיך צו „אויפן ים ווייעט אַ ווינטעלע"): — איר ווייסט, קיילע, ווען מ'זינגט? ווען מ'איז הונגעריג.

קיילע: — איך איז גוט, אַז איר ווייסט ניט פון דעם קאָכאַליין. די טאָכטער פאַרעט זיך און איר קריגט פּאַרטינגס. אָבער שלעכט איז מיר, אַז איך דאַרף שטיין ביים אויוון מיט אָט דער ברעטל, מיט דער כאַשען און קאָן דאָס ברעטל ניט פאַרברענען — אַ פייער אויף איר... פּופּצן באַזונדערע טעפּלעך מוז דאָס קאָכן. פליייש און פיש און זופּ און קאָמפּאָט און ווערזשעטייבלס און וואָס ניט. איז ווען איך האָב איר דאָס נעכטן צוזאַמענגעשמישט אין איין טאָפּ, אַז די אַנדערע ווייבער זאָלן אויך האָבן אַ שטיקל וואַרעמען פּלאַץ אויפן אויוון, האָט זי דאָס צעעפנט אויף מיר אַן אַטאָמישע באָמבע. איך זאָג אייך, ס'איז אַ שטיקל גליק וואָס די וואַסער איז געווען קאַלט, ווען ניט בריט זי מיך אָפּ פון אויבן ביז אונטן.

רב מאטשע: — וואָס איך הער. זי זעט דאָך אויס, דאַכט זיך, אַזאַ שטילע פרוי.

קיילע: — אַט די שטילע וואַסערלעך לאָזן זיך גוט הערן ... אַז וועלכער שוואַרץ־יאָר האָט זי דאָ געבראַכט? מילא, איך דאַרף ניט קיין האָטעלן, כ'בין אויף אַ דייעט, און וואָס איך קאָך איז נאָך צופיל, אָבער זי דאַרף דאָך פרעסן, טאָ וואָס טוט זי דאָ, אין קאַבאַליין האָטעל?

רב מאָטשע: — איר ווייסט דאָך, דאָ קאָסט ביליגער.

קיילע: — ביליגער? ווי זי רעדט, איז זי דאָך אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד. איר מאַן, זאָגט זי, איז אַ „רעלאַסטייטניק" און זיי פאָרן אַרום אין אַ „שיווערלייע", איז זי קראַנק צו גיין אין אַ רעגעלן האָטעל. וואָס ווייסט איר, רב מאָטשע, זי איז דאָך אַזוי קאַרג, אַז זי קאָן אין דער גיכער אַריינלייגן אַ קנעפּל און נעמען אַ דאַים רעשטע.

(עס דערהערט זיך אַ געשריי: קיילע, קיילע פיינטוש, עס ברענט ביי איך!)

כאַשע (קומט אַרויס): — קיילע, עס ברענט ביי איך.

קיילע: — זאָל ברענען, ס'איז ניט מיינס. ווען מיינס שטייט אויפן אויוון, בין איך לעבן אויוון. איך לויף ניט אין מיטן דערינען אַריינצוכאַפּן אַ דיל.

כאַשע (טאַשט פאַר זיך די קאָרטן אין האַנט): — אויב איר האָט שוין צייט, טאָ וואָס שטייט איר? (ווייזט אויף די קאָרטן.)

רב מאָטשע: — טאַקע, נו, „טאַים איז מאָני". (וויגט זיך און זינגט „אויפן ים ווייעט אַ ווינטעלע".)

קיילע: — גוט איז יענע ווייבער, וועמענס מענער עס האָבן צייט, נעמט מען די מאַשין און מ'פאָרט אַרויס אַביסל צו דער ווייב. אָבער מיין מאַן איז דאָך פאַרנומען יעדע מינוט, און זיך אָפּרייסן פון ביזנעס קאָן ער ניט.

כאַשע: — און מיין מאַן האָט פיינט צו פאָרן אין אַזעלכענע פּלעצער. ביי אים מוז אַלץ זיין „איי וואַן", אַז ניט, זאָגט ער, איז בעסער גאָרנישט.

קיילע (גיט אַ וואונק צום שפּילן): — אָנפאַנגען אין צוויי הענט?

כאַשע: — קאָרטן, איז ווי אַ לאָמפּ פאַר פליגן. עס וועלן באַלד זיין געננוג קיבעצער.

(קיילע און כאַשע זעצן זיך ביים טישל, זוכן אין די טייסטערס דאָס געלט.)

רב מאַטשע — ווייזט אויס אַז קאָרטן איז דער בעסטער שלום־מאַכער אין דער וועלט. אַ גאַנצן טאָג רייסט מען זיך ווי די הענער, אָבער קומט צום תהלים׳על (ווייזט אויף די קאָרטן) איז אין איין מינוט פאַראַן אַ מנין... אי, ווייבער, ווייבער, אין קיין פֿעיפֿער האָב איך אייך נאָך ניט געזען אריינקוקן. איר האָט צוויי זאַכן: אָדער זיך קריגן, אָדער — שפּילן...

כאַשע (צו רב מאַטשען): — איר מיינט אַז איך שפּיל פֿאַר פֿאַרגעניגן, — די צרות שפּילן.

רב מאַטשע (צו קיילען): — נו, און פֿאַרוואָס שפּילט איר?

קיילע: — איך האָב דען עפּעס אַנדערש וואָס צו טאָן?

(טאַשן די קאָרטן און שפּילן. כאַשע הייבט־אויף דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט דערזען עמיצן גייענדיק.)

כאַשע (ווייזט־אָן אין דער ריכטונג פֿונוואַנען מ׳קומט): — ווער שלעפּט זיך דאָס דאָרטן מיט אַ טשעמאָדאַן?

קיילע (דרייט־אויס דעם קאָפּ, דערלאַנגט אַ וואָרף די קאָרטן, אַ שאַר־אריין די געלט אין קעשענע): — דאָס איז דאָך מיין מאַן. משה, וואָס מאַכסטו? (זי לויפֿט אים אַנטקעגן, פּרובירט העלפֿן אַרויפֿנעמען דעם טשעמאָדאַן אויף דער וועראַנדע. זי שטעלט־פֿאָר איר מאַן פֿאַר כאַשען און רב מאַטשען. ער גיט רב מאַטשען אַ שלום־עליכם) איז זאָג מיר נאָר, וואָס טוסטו דאָ אין אַ פֿראַסטן מיטנדערינען?

משה: — ס׳איז געוואָרן סלעק, ט׳ער פֿאַרמאַכט דעם שאַפּ פֿאַר צוויי וואָכן. נו, איז וואָס וועל איך זיך וואַלגערן אין שטאָט?

קיילע (פּרובירט אים שלעפּן פֿאַרן פֿאַלע, ער זאָל ניט רעדן): — נו, האָסט גוט געטאָן, וואָס דו האָסט פֿאַרשלאָסן דאָס געשעפֿט און געקומען.

משה (קוקט דערשטוינט): — וואָס פֿאַר אַ געשעפֿט? דער באָס מיינער האָט פֿאַרמאַכט דעם שאַפּ.

קיילע (ווינקט צו אים, ער זאָל ניט רעדן): — ווילסט אַ גלעזל טיי? זעץ זיך, רו זיך אָפּ.

משה: — טאַקע שווער געווען דאָס פֿאָרן. (ווישט זיך דעם שווייס) די באַן איז געפּאַקט, דער רויך שניידט אין פּנים, טאַקע שווער דער קומען. (זעצט זיך אויף אַ שטול.)

כאַשע (גיט אַ וואונק צו רב מאַטשען): — ווען מיין מאַן קומט, וואָלט ער שוין געפֿאָרן מיט זיין שיוורעלייע. (ווענדט זיך צו משה׳ן) פֿאַרוואָס זיינט איר ניט געקומען מיט אייער טשוטאַבעקאַ?

משה (קוועטשט מיט די פּלייצעם): — וואָס פרעגט זי?

קיילע (צעטומלט פון דער פאַרלעגנהייט, פּרובירט אים פּאַררעדן): — ווילסט טיי, צי קאַפע?

משה: — גיב וואָס דו האָסט, וועט שוין זיין גוט. (קיילע גייט־אָפּ אין קיך.)

רב מאָטשע (וויזט־אָן): — זעט נאָר, אָט קומען נאָך געסט.

כאַשע (דרייט־אוים דעם קאָפּ, גיט אַ פאַרברעך די הענט): — חיים, מיין מאַן, חיים. (לויפט אים אנטקעגן. זי קומט מיט אים אַרויף אויף דער וועראַנדע, וויל אים וואָס זאָגן) איז וואָס מאַכסטו, חיים, דו הערסט? — — — (בלייבט אויך שטיין אין אַ פאַרלעגנהייט.)

משה (גיט זיך האַסטיג אַ שטעל־אויף פון שטול): — חיים פייפל, דו ביסט דאָך געפאָרן מיט מיר אויף דערזועלביגער באַן, פאַרוואָס האָסטו מיר ניט געזאָגט, אַז דו פאָרסט? איך בין דאָך אויך איצט געקומען.

חיים: — איז וואָס מאַכסטו?

משה: — געקומען אביסל אויספרעסן דאָס געזונט. און דו, חיים?

חיים: — איך בין אויך געקומען אביסל אויסלאָטן דאָס געזונט. מיר האָבן צוויי וואָכן וואַקיישאָן, דאַרף מען מאַכן אַ נוץ פון דעם.

כאַשע (דערשטוינט): — איר קאָנט זיך ביידע?

קיילע (קומט־אָן מיט אַ גלאָז טיי): — ווער איז דאָס?

חיים (צעלאַכט זיך): — ס'הייסט, ווער איז דאָס? איך מיט משה'ן ארבעטן שוין צוועלף יאָר צוזאַמען אין איין שאַפּ, ער איז דער פרעסער, און איך בין דער פינישער.

(ביידע פרויען בלייבן שטיין ווי פאַרלוירענע, מיט צעעפנטע מיילער. קיילע גיט אַ שטעל דאָס גלאָז טיי און גיסט־אוים.)

משה: — יאָ, מיר זיינען אַזעלכע גוטע פריינט, אַז אפילו אין קאַונטרי פאָרן מיר אין איין פּלאַץ...

רב מאָטשע (צו כאַשען): — דאָס איז אייער מאַן, דער ראַלעס־טייטניק? (ווענדט זיך צו קיילען) און דאָס איז אייער ביזנעסמאַן?

(ביידע פרויען בלייבן שטיין צעטומלט.)

כאַשע (רופט־אָפּ איר מאַן אָן אַ זייט): חיים... (זי פאַרלירט דאָס לשון) חיים, חיים, מיר פאָרן היינט אַהיים! פּאַק זיך נישט אוים.

קיילע (שלעפּט אָן אַ זייט איר מאַן, משה'ן): — משה, טו זיך ניט אוים, מיר פאָרן היינט צוריק אין שטאָט אריין!

ר ב מ אָ ט ש ע (לאַכט האַרציג, זיך ווענדנדיג צוביידן, צו משה'ן און חיים'ען): — ווען איר פאָלגט מיך, לאָזט איר זיי ביידן די „ראַלעסטייט־ניצע מיטן „שיוורעלייע" און די „ביזנעסלידי" מיטן „טשוטאַבעקאַ" פאַרן אין דער היים, און איר — דער פרעסער מיטן שניידער — בלייבט דאָ. ווייל אַרבעטער דאַרפן זיך אָפּרוען!

כאַשע און קיילע, ווי זיך צוזאַמענגערעדט, גיבן אַ שפּיי־אויס אין צוויי באַזונדערע ריכטונגען: „טפו זאָל דאָס ווערן"! חיים און משה קוקן זיי אָן ווי משוגע.)

ר ב מ אָ ט ש ע (צעלאַכט זיך אַזוי וויגנדיג אין שטול ביז ער קייקלט זיך אַרונטער — ליגנדיג אויפן פלאָר, לאַכט ער און טייטלט מיט פינגער צו די צוויי פרויען): „שיוורעלייע" און „טשוטאַבעקאַ", כאַ־כאַ־כאַ...

(פאָרהאַנג)

איך וויל עסן

(אַ סצענע אין אַ רעסטאָראַן)

פּ ע ר ז א ָנ ע ן :

ערשטער קאַסטומער
צווייטער קאַסטומער (אַביסל בלינדלעך)
וועיטער (אַביסל טויבלעך)
קעבין (עלטערע פרוי)
מענער און פרויען קאַסטומער

די סצענע קומט פאָר מיטאָג־צייט אין אַ רעסטאָראַן, וואו עס שטייען אויסגעשטעלט עטלעכע טישן, שטולן, אויף די טישן קערבלעך מיט בולקעס און ברויט, ביי די זייטן, צעלייגט אויף סערוועטקעס, אַלע נויטיגע עס־מכשירים. וועיטער לויפט אריין און ארום צוגרייטנדיג אויף די טישן דאָס נויטיגע, זאַלץ, פעפער, קריגלעך מיט וואַסער.

ו ו ע י ט ע ר (רעדט צו זיך, קוקנדיג אויפן זייגער): — שוין, שוין באַלד צוועלף אזייגער, באַלד קומט דער יאַריד. (כאַפּט זיך פאַר דער נאָז) שוין, זי האָט שוין פאַרטיג געמאַכט די פיש... (שרייט אריין אין קיך) כאַשע, די פיש ברענט ביי דיר. (רעדט ווידער צו זיך) אַז וואָס זי טוט ברענט ביי איר אונטער די הענט... (ער נעמט ווישן אַ טעלער, וואַרפט עס אַראָפּ און צעברעכט עס) היינטיגע טעלער, נאָר זיי ברעכן זיך. (קלייבט צונויף די שטיקלעך).

ק ע ב י ן (קומט אריין מיטן קאָך־לעפל אין האַנט): — שוין ווידער צעבראָכן אַ טעלער? איך דענק, אַז דו וואָלסט באַדאַרפט זיין אַ שדכן און ניט קיין וועיטער. איך האָב נאָך אַזאַ בריה אויף ברעכן טעלער ווי דו ניט געזען...

(עס דערהערט זיך אַ סירענען־פייף, וואָס זאָגט אָן צוועלף מיטאָג. די קעבין לויפט צוריק אריין אין קיך, דער וועיטער קלייבט גיך צונויף די ברעקלעך און טראָגט אַרויס. עס קומען אריין: ערשטער קאַסטומער, צווייטער קאַסטומער, אַ גרופּע מענער און פרויען כאַפּן שטולן צום זיצן, גיסן זיך אין גלעזער וואַסער, מאַנכע רייסן שטיקער פון די בולקעס און עסן.)

ערשטער קאַסטומער (צום צווייטן,ביים טיש): — איך גיי אַרויס פון שאַפּ מיט אַן אַפּעטיט פון אַ העלפאַנד, און איידער מ׳קריגט עפּעס עסן פאַרגייט דאָ דער אַפּעטיט.

צווייטער קאַסטומער (רייסט אָפּ אַ שטיק ברויט און בייסט אין דעם): — איז וואָס טאַקע עסט מען?

ערששער קאַסטומער: — שאַ, אָט גייט שוין דער וועיטער. (וועיטער קומט אַריין מיטן סערוועטקע איבערן האַנט.)

וועיטער (לויפט איבער די טישלעך און רוקט אונטער אַ מעניו): — איז וואָס וועט איר עסן?

ערשטער קאַסטומער צום וועיטער): — איז וואָס האָט איר צום עסן?

וועיטער (שטעלט אַן די האַנט צום אויער): — איז וואָס וועט איר עסן?

צווייטער קאַסטומער: — איז וואָס האָט איר צום עסן?

וועיטער (כאַפּט די מעניו און דערלאַנגט אים): — איז וואָס וועט איר עסן?

צווייטער קאַסטומער (לייגט אַוועק די מעניו: — איז וואָס האָט איר צום עסן?

וועיטער (ווייזט אָן אויף דער מעניו): — לייענט, וועט איר ווּיסן וואָס עס קאָכט זיך אין טעפּל.

צווייטער קאַסטומער (גיט אַ וואָרף די מעניו): — ווען איך קאָן לייענען, וואָלט איך געוועזן אַ בעל־קורע. (צום ערשטן קאַסטומער): — זעסט אַ חכמה, ער זעט אַז איך זע ניט, הייסט ער מיר לייענען.

וועיטער (לויפט אַרום די טישלעך, קומט צוריק צום ערשטן קאַס־טומער: — איז וואָס, זאָגט איר, וועט איר עסן?

ערשטער קאַסטומער (שרייט שוין הויך צום וועיטער): — וואָס האָט איר? וואָס האָט איר אין קיך?

וועיטער: — איר ווילט די קעכין?

ערשטער קאַסטומער: — מיר ווילן עסן, עסן.

צווייטער קאַסטומער: — ווער דאַרף די קעכין? איך וויל עסן, עסן.

וועיטער (אויפגערעגט): — איר ווילט פאַרשפּייז, ווילט איר?

ע ר ש ט ע ר   א ו ן   צ ו ו י י ט ע ר   ק אָ ס ט ו מ ע ר ס : — זאָל זיין פאַרשפּייז, אָבער וואָס איז דער פּאַר — — — (דער ווייטער לאָזט זיי אין מיטן און לויפט צו צו אַ צווייטן טישל, שטעלט אַן דעם אויער, לויפט ארויס אין קיך, ברענגט אריין אַ פּאָר טעלער מיט זופּ, שטעלט ביי זייערע טישן, פארוואַרפט די סערוועטקע אויפן האַנט און קומט־צו צו די צוויי קאָסטומער.)

צ ו ו י י ט ע ר   ק אָ ס ט ו מ ע ר : — איז וואָס האָט איר פאַרשפּייז?

ע ר ש ט ע ר   ק אָ ס ט ו מ ע ר : — איר האָט אַ שטיקל הערינג?

ו ו ע י ט ע ר (אין איילעניש) : — וואָס? הערינג?

ב י י ד ע   ק אָ ס ט ו מ ע ר ס : — יאָ, הערינג!

ו ו ע י ט ע ר : — איז וואָס פאַר הערינג ווילט איר? (זאָגט ארויס מיט איין אָטעם) געהאַקטע הערינג, געבאַקטע הערינג, מאַטשעס הערינג, שמאַלץ־הערינג, פּיקלד הערינג, מאַראַנירטן הערינג, רוסישן הערינג, הערינג מיט גריק סאַלאַד, טאָמייטאָ הערינג אָדער ביסמאַרק הערינג?

ב י י ד ע   ק אָ ס ט ו מ ע ר ס (נעמען זיך ווישן מיט די סערוועטקעס דעם שוויס פון פּנים) : — גיט מיר, גיט מיר — — —

ו ו ע י ט ע ר (לויפט־צו צו אַ צווייטן טישל, נעמט אוועק אַ טעלער, לויפט אריין אין קיך, טראָגט־צו אַ טעפּל קאַווע צום צווייטן טישל און קומט־צו צו די צוויי קאָסטומערס) : — איז וואָס פאַר אַ זופּ וועט איר עסן?

ע ר ש ט ע ר   ק אָ ס ט ו מ ע ר (שרייט הויך) : — זאָל זיין זופּ, דער־לאַנגט זופּ, מיר האָבן בלויז אַ האַלבע שעה פאַר דינער, גיט שוין זופּ.

צ ו ו י י ט ע ר   ק אָ ס ט ו מ ע ר : — זאָל זיין זופּ.

ו ו ע י ט ע ר (גיט זיך אַ וויש דעם שוויס) : — זופּ? וואָס פאַר אַ זופּ וועט איר עסן? (רעכנט־אויס אויף גיך) פּאָטייטאָ זופּ, בינס זופּ, קרויט, קאַלטן באָרשט, ספּליט פּיס, וועדזשעטייבל זופּ, לאָקשן מיט בעבלעך, רייז מיט מילך, פאַרפל זופּ, קאַשע אָדער טשיקן זופּ?

ע ר ש ט ע ר   ק אָ ס ט ו מ ע ר (באַגיסט זיין נעפּקין מיט קאַלט וואַ־סער און לייגט־צו צום קאָפּ) — אַי, ער האָט מיך אָפּגעגאָסן מיט אַ קעסל זופּ . . .

צ ו ו י י ט ע ר   ק אָ ס ט ו מ ע ר : — גיט שוין וואָס איר ווילט.

ו ו ע י ט ע ר : — איז ווילט איר ניט קיין זופּ. אפשר פליייש? פליייש ווילט איר?

ע ר ש ט ע ר   ק אָ ס ט ו מ ע ר : — געוויס ווילן מיר. איך שטאַרב עסן. שוין באַלד אוועק די האַלבע שעה. גיט פליייש, גיט ביינער, גיט.

וועיטער (שטעלט־אַן די האַנט צום אויער): — וועלכע פלייש ווילט איר? (רעכנט אין איילעניש) קאַלבס־בראַטן, קאַטלעטן, לעם־טשאַפּס, ריפּ־סטייק, קראַשעטצע, טשאַק־סטייק, לעבער־סטייק, האַמבורגער, צינגלעך, טשיקן, געהאַקטע פלייש־קנײדלעך, קישקע, קאָרנד־ביף מיט זויער־קרויט. איז גוט. נו? (לויפט ארויס אין קיך און קומט אריין צוריק) ניטאָ מער קיין פלייש. (ביידע קאַסטומער בייסן מיט כעס דעם ברויט.)

ערשטער קאַסטומער (שרייט צום וועיטער): — העי, גיט שוין וואָס ניט איז.

צווייטער (לויפט נאָך דעם וועיטער, כאַפּט אים פאַרן האַנט און ברענגט אים צושלעפּן): — גאָט איז מיט אייך, האָט רחמנות, גיט שוין א קאַפּע מיט קעיק.

ערשטער קאַסטומער: — זאָל שוין זיין כאָטש א קאַפּע זאָל שוין...

וועיטער (שטעלט־צו די האַנט לעבן אויער): — וואָס פאַר א קעיק? יאָ, איינגענע געבאַקטע. (רעכנט־אויס אין איילעניש) ספּאַנדזש קעיק, שטרודל, סטראָבערי שאָרט־קעיק, פּרענטש פּעיסטרי, א קאַפּע רינג, ראַגאַלקעס, פּוטער־קעיק, מאָן־קעיק, טשאָקאָלאַד־קעיק, האָניג־קעיק, צוקער־לעקאַך, מאַנדל־ברויט, אָדער היימישע טשאַסטעס. אַלזאָ, וואָס וועט איר נעמען?

(עס דערהערט זיך א סירענען־פּייף, וואָס זאָגט אָן, אז ס'איז שוין צוועלף־דרייסיג. די קאַסטומער ארום די אַנדערע טישלעך לאָזן זיך אין דער ריכטונג צום ארויסגאַנג פון'ם רעסטאָראַן.)

ערשטער קאַסטומער: — שוין האַלב נאָך צוועלף? ווי איז מיר, קום...

צווייטער קאַסטומער: — שוין האַלב נאָך צוועלף?

וועיטער (האַלטנדיג אין האַנט א פּאָר ליידיגע טעלער): — איז וואָס וועט איר נעמען?

ביידע קאַסטומער (טרינקען אויף גיך אויס די גלעזער וואַסער): — מיר וועלן נעמען דעם וועג! (לאָזן זיך האַסטיג צו דער טיר.)

וועיטער (קוקט מיט כעס צו דער טיר): — מיינע גליקן! (די טעלער פאַלן אים ארויס פון האַנט.)

(פאָרהאַנג)

זאג־לאַד

דאָס וועטער בייט זיך, נאָר דער מאָנטאג מיטן דינסטאג בלייבן די זעלבינע...

קליינע מענטשעלעך שטופּן זיך אלע מאָל צו הויכע פּלאַטפאָרמעס...

א שיינער צילינדער קאָן ניט פארדעקן א פּוסטן קאָפּ...

דאָס בעסטע פּאַפּיר אין א בוך מאכט דאָס בוך ניט בעסער...

דער היפּוך פון געטריי איז אין גט־ריי...

א זילבערנער לעפל מאכט ניט פעטער די זופּ...

ארום א רונדן טיש זיצן אלע אויבן־אָן...

א פערד ווערט ניט קליגער פון דעם וואָס ער פירט וויסנשאַפט־ביכער...

פאַר הינער־אויגן קאָן ניט העלפן קיין אויגן־גלעזער...

א זיידענע קאַפּאָטע קאָן ניט פארדעקן קיין לעבער אין די שיך...

אויך שטערן־זעער קאָנען אמאָל ניט דערזען א גרוב פאַר די פיס...

די וועלכע פֿאָרן גיך — פֿאַרפֿעלן צו זעען דעם וועג...

אויף צווישן קאָרן כאַפּט זיך אַריין ווילד־גראָז.

אַ סך מענטשן זיינען נייגעריג צו מאַכן געלט און זיי מאַכן — אַ שם רע...

אויף אַ הויכן פֿאַרקאַן קרייט אַ האָן העכער...

דעם פֿייערלעכסטן יום־טוב קאָן אַ שלעכטער שרייבער פֿאַרוואָסערן, די שענסטע אידעאַלן קאָן אַ שלעכטער פֿירער — פֿאַרפֿירן.

אַ סך מענטשן דרייען זיך אַרום פּוסט־און־פּאַס אין דער וועלט, ווייל זיי ווילן אַז די וועלט זאָל זיך אַרומדרייען אַרום זיי...

דורך ריינע פֿענצטער קאָן מען דערזעען שמוץ.

אויגן־גלעזער קאָנען זאַכן פֿאַרגרעסערן אָבער ניט פֿאַרבעסערן.

אַ דאָרן דערמאָנט אָן יאָרן...

פֿון רעדן וועגן עסן ווערט מען ניט זאַט און מ׳קריגט ניט קיין בויך־ווייטאָג.

אַ מאָפּע אין קעשענע ווייזט ניט דעם וועג...

אויף מענטשן וואָס שטעלן זיך איין פאַר אַלעמען, קוקט מען אָפט ווי זיי וואָלטן זיין „ניט מיט אַלעמען"...

אפילו די רייכסטע פרוי קאָן ניט דינגען עמעצן צו האָבן פאַר איר די געבורטס־ווייען.

א סך מענטשן שטעלן איין זייער לעבן — צו מאַכן א לעבן.

מענטשן מיט א ווייטן בליק פאַרגעסן אָפט צו זעען די סאַמע נאָענטסטע.

די שווערסטע אַרבעט איז גאָרניט־טאָן.

ווען דער אַרבעטער וויים פון זיין מערווערט פאָדערט ער מער פאַר זיין ווערט.

די יורשים פון קאַרל מאַרקס קריגן א גוטן פּראָצענט פון זיין „קאַפּיטאַל"...

בייטן בלעטלעך אויפן קאַלענדאַר, ווערט ניט בייטן דעם וועטער.

אָפטמאָל זיינען מענטשן אַזוי פאַרנומען מיט פאַרשפּרייטן אַן אידעאַל, אַז עס בלייבט זיי ניט קיין צייט צו דערלערנען אים...